STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11790

REPORT IBER DER TETIKAYT UN OYFTHUEN FUN DEM HILFS-KONGRES FUN VAAD HA-KEHILES

Relief Committee for Refugee Rabbis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילפס־קאָמיטעט

פון

פערבאנד פון רבנים־פליטים אין ארץ ישראל

רעפּאָרט

איבער דער טעטיקייט און אויפטהוען פון
דעם הילפס־קאמיטעט פאר די 18 יאהר פון
זיין עקזיסטענץ

✡

עיה"ק ירושלם תובב"א

Published by
The Relief Committee for Refugee Rabbis in Palestine
Jerusalem, P. O, Box 5051

נדפס בארץ ישראל

Printed in Palestine

דפוס „מוריה" ירושלים

אינהאלט:

א. רעפארט איבער די טעטיקייט און אופטהועו פון הילפס קאמיטעט

		זייט
1.	דאנקען	6
2.	איינלייטונג	7–8
3.	די אויבער רבנים פון ארץ ישראל שרייבען	9
4.	די געשיכטע פון דער אינסטיטוציע — ענטוויקלונג און טעטיקייט	11–15
5.	די רביים און גדולי התורה שרייבען	16–18
6.	טעטיקייט פון אונזער אינסטיטוציע	19–21
7.	חשבון פון הכנסות און הוצאות פאר'ן יאהר תש"ו (46/1945)	22–23
8.	ליסטעס פון רבנים לויט די לענדער, אלטער און גרוס די משפחות פון זיי	24
9.	בריף פון דזשוינט ד. ק. אינספעקטאר	25
10.	צום איינדיינק פאר נדיבים	27

ב. רעפארט איבער הייזער־בוי פאר רבנים פליטים

11.	דעפארטמענט פאר בויען הייזער	29–30
12.	אויפרוף פון רבנים, אדמו"רים און גדולי הדור	31–33
13.	תקנות פאר מנדבים און כלל טהוער לטובת דעם קווארטאל פאר רבנים פליטים און דער הייליגער שטאדט ירושלים	35
14.	די פייערליכקייט פון לייגען דעם גרונט-שטיין אין ירושלים	37–42

ג. רעפארט איבער ספר „אוצר הפוסקים"

15.	די אקציע פון אוצר הפוסקים	43 — 44
16.	די רעדאקציע פון אוצר הפוסקים און וועגען איר ארבייט	45 — 47
17.	די מסיבה אין הויז פון הרב הראשי הערצאג	47 — 49
19.	אפשאצונגען פון ווערק	50 — 51

די פערוואלטונג פון דעם הילפס קאמיטעט פון פערבאנד פון רבנים־פליטים אין ארץ ישראל

הרבנים הגאונים שליט״א:

רבי יצחק אייזיק הלוי הערצאג (דער רב ראשי אין ארץ־ישראל) **רבי איסר זלמן מעלצער** (סלוצקער רב) **רבי יעקב קלעמעס** חבר הרבנות הראשית לארץ־ישראל (בעפאר דער רב הכולל אין מאסקווע)	*פרעזידיום*
רבי יהושע צימבאליסט (האראדנער רב)	*עהרען־פרעזידענט*
רבי מאיר סטאלעוויטש (חאסלאוויטשער רב) בעמה״ס בית מאיר	*פארזיצענדער*
רבי שלמה יוסף זעווין (נאוואזיבקאווער רב)	*וויס פארזיצענדער*
רבי משה חאסקין (פרילוקער רב) בעמה״ס כלכלת שביעית	*גזבר — (טרעזשורער)*
רבי שמואל קיפניס (אורוטשער רב)	*הויפט־מענעדזשער* *(מנהל ראשי)*
רבי מרדכי סנדר קאפשטיין (ראדינער רב)	*מענעדזשער*

הרב א. ז. מעלצער

הרב י. א. הערצאג

הרב י. קלעמעס

הרב ש. י. זעווין



הרב י. צימבאליסט

הרב מ. סטאלעוויטש



הרב מ. חאסקין

הרב ש. קיפניס

הרב מ. ס. קאפשטיין

מיר דאנקען די פאלגענדע:

דעם הויפט-קאָמיטעט פון „דזשאינט" אין אמעריקע פאר זיין וויכטיגער און שטענדיגער הילף צום ועד-העזרה פאַר רבנים-פליטים פון רוסלאנד אין אנדערע לענדער.

אונזער דאנק אין ברכה דעם דר. יהודה-לייב מאגנעס, דעם הויפט פון „ד ז ש א י נ ט" אין נאָהענטען מזרח און אין ארץ-ישראל — אין אויך דעם פערוואלטער ה' ש. פ א ס מ א ן — פאר זייער גרויסער הילף פאר די ווערק פון אונזער פערבאַנד.

א טיפען דאנק דער אינסטיטיושאן „ע ז ר ת ת ו ר ה" פון אמעריקע, דעם טשעירמען הגאון ר ב י י ש ר א ל - ה ל ו י ר א ז ע נ ב ע ר ג שליט"א און דעם מענעדזשער ה ר ב ה ג א ו ן ר' י ו ס ף א ל י' ה נ ק י ן שליט"א.

מיר דערמאנען צום גוטען דעם „באארד אָוו דעפיוטיס" פון דרום-אפריקע און בפרט הרב הגאון הגדול ר' י צ ח ק ק א ס א ו ו ס ק י שליט"א, הרב לאגוה"ק ביוהאנעסבורג.

מיר דאנקען: הרב הגאון הגדול ר' י ח ז ק א ל א ב ר א מ ס ק י שליט"א, ראב"ד מלאנדאן; הרב הגאון המפורסם ר' ח י י ם מ ע ד נ י ק שליט"א, טשיקאגא; הרב הגאון המפורסם ר' א ה ר ן מ י ל ע ו ו ס ק י שליט"א, רב ראשי פון מאנטעווידעא; הרה"ג ר' ז א ב - צ ב י המכונה ד ר. ק ל י י ן, בואינאָס-איירעס; הרב הגאון המפורסם ר' י ו ס ף ל י פ מ אַ ן ג ו ר ב י ץ שליט"א, מעלבורן.

מציון וירושלים יבורכו לעד!

איינלייטונג

די פערוואלטונג פון „הילפס-קאמיטעט פון רבנים-פליטים פון גלות אין ארץ-ישראל" האלט עס פאר אן אנגעגעהמע אויפגאבע פאר זיך פארצושטעלען, מיט דער הילף פון אט-דער בראשורע, פאר'ן אידישען עולם אין ארץ-ישראל און אין אויסלאנד, א קורצען רעפארט איבער איהר טעטיקייט פאר די אכצעהן יאהר פון דער עקזיסטענץ פון דאזיגער אינסטיטוציע.

פילזייטיג און פערשידענארטיג זיינען די ארבייטס-צווייגען פון דער אינסטיטוציע און ס'איז געוויס כדאי צו דערצייהלען פאר'ן ברייטען אידישען פובליקום, בפרט פאר אידישע נדיבים און פילאנטראפען איבער דער גאנצער וועלט, וועגען דער טעטיקייט פון אונזער הילפס-קאמיטעט פון די לעצטע ח"י יאהרען ס'איז א קאפיטעל אידישע געשיכטע, וועלכער איז נאך ביז-היינט נישט פערשריבען געווארען.

קליין און ארעם איז געווען די אינסטיטוציע און ווייניגע זיינען געווען יענע, וועלכע האבען געזיכט הילף ביי איהר, אין די ערשטע יאהרען, אבער פלוצ"ונג איז אנגעקומען די שרעקליכע צייט, ווען די נאצישע חיה-רעה האט פינסטער געמאכט אונזער וועלט און אידיש בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער, פרעכטיגע אידישע קהלות זיינען חרוב געווארען. תורה-צענטרען זיינען אוועק מיטין רויך. שוידערליך איז געווען אונזער אומגליק... און מיר, אידען, האבען נאר געהאפט אויף אונזער גאט אין הימעל, ער זאל אונז העלפען און ראטעווען...

און א כוואליע פון רבנים-פליטים האט זיך אנגעהויבען צו דערנעהנטערן צו די ברעגעס פון ארץ-ישראל: צוערשט זיינען עס געווען רבנים פון רוסלאנד, שפעטער אבער זיינען אנגעקומען גערעטעוועטע רבנים פון דייטשלאנד, פוילען, ליטע, אונגארן און פון אנדערע לענדער.

פלוצלונג איז א שווערע לאסט און זעהר-שווערע אויפגאבען געפאלען אויף אונזער שוואכער אינסטיטוציע.

מיר זיינען געווען געצוואונגען צו דערצייהלען אין צו ווענדען זיך צום ארץ-ישראל ישוב און צו אידען-ברידער אין אלע לענדער זיי זאלען וויסען וואס מיר האבען שוין אויפגעטאהן במשך פון די לעצטע יאהרען, מען זאל וויסען, אז אונזער אינסטיטוציע איז באמת א גרויסער און הייליגער אויפטהו און ס'איז א הייליגער חוב פאר יעדען איינעם צו פאר-גרעסערן די שטיצע פאר דער צוקונפט.

מיט א גרויסען פארמעגען קומען מיר דא פאר דעם עולם פון אונזערע נדיבים. מיט גרויסע אויפטהוען שטעלען מיר זיך פאר. אבער מיר פאדערן אויך גרעסערע שטיצע, כדי צו קענען פארטזעצען אונזער ארבייט אויף א גרעסערען פארנעהם, ווי ביז היינט.

איז עס נישט קיין פראכט-לייסטונג פאר דער הייליגער שטאדט ירושלים און פאר אונזער הייליגען לאנד בכלל, ווען מיר שטעלען דא פאר א ביודזשעט פון —.43,472 פונט, וועלכע זיינען געווען אונזערע הוצאות יאהר תש״ו.

האבען מיר נישט געקענט אונז אפהאלטען און נישט אויפדעקען פאר דער ברייטער עפענטליכקייט די איינצעלהייטען פון אונזער טעטיקייט, פון אונזערע אויפטהוען סיי אויפ׳ן פעלד פון שטיצע פאר רבנים־פליטים, סיי אויפ׳ן פעלד פון בויען הייזער פאר רבנים, סיי אויפ׳ן פעלד פון דער גרויסער רבניש־ליטעראַרישער ארבייט, וועלכע מיר האבען לעצטענס אנגעפאנגען.

זאל אבינו בשמים העלפען אלע עסקנים און אלע הילפס-אינסטיטו־ציעס, וועלכע האבען אונז געשטיצט — געבענטשט זאלען זיי זיין מציון וי־רושלים. מיר האפען, אז זייער ארבייט פאר אונזער אינסטיטוציע וועט גרעסער און ברייטער ווערען, כדי מיר זאלען קענען דערפילען די שווערע און אחר-יות, פולע אויפגאבע, וועלכע מיר האבען אויף זיך גענומען.

אויפלעבען און ווידער איינפלאנצען אין ארץ־ישראל די פראכט פון אידישקייט, פון אונזערע גדולים און חכמים, פון רבנים וועמענס קהלות זיינען חרוב געווארען...

אונזער רוף איז געווענדעט צו יעדען איד, פון יעדער קלאס און שי־כטע, אין א״י און אין אויסלאנד – צו העלפען און שטיצען אונז, ווייל מיר העלפען נישט בלויז רבנים-פליטים פון איין לאנד, פון איין געמיינדע, נאר אלע רבנים אהן אונטערשיד פון פארטייען און מיינונגען.

צווישען יענע, וועלכע ווערען געשטיצט דורך אונזער קאמיטעט, געפי־נען זיך רבנים פון אלע לענדער – אפילו פון ווייטען תימן אויך.

וה׳ ישלח לנו את משיח צדקנו וציון במשפט תפדה ושביה בצדקה ובא לציון גואל, אמן!

די אויבער־רבנים פון ארץ־ישראל שרייבען:

ליבע ברידער!

דער מבול פון בלוט און פייער, וועלכער האט דערטרונקען אונזערע ברידער פון אייראפע, האט געבראכט קיין ארץ־ישראל א וויכטיגען טהייל פון רבנים און גאונים, וועלכע זיינען אויסגעריסען געווארען פון זייערע נעסטען און זיינען אנגעקומען אהער צובראכענע און פערפייניגטע, הילפלאזע און ענטמוטיגטע. מיט דער קראפט פון דער תורה האבען זיי זיך געראטעוועט, מיט דער תורה, וועלכע איז געווען א ליכט פאר זייערע אויגען אומעטום, וואו זיי זיינען נאר געקומען.

ליידער, ליידער! פונקט ווי זייערע ספרי־תורה׳ס, וועלכע זיינען פאר יתומ׳ט געווארען, געפינען זיך הונדערטער רבנים, גאונים וצדיקים אין ארץ־ישראל — ווי שאטענס גייהען ארום אין אידישען לאנד, זיי אין זייערע פאמיליעס, וועלכע ליידען שווער און ביטער, כמעט אהן א שטיקעל ברויט!

די הויפט־שטיצע פאר אונזערע דאזיגע רבנים־פליטים איז די אינסטיטוציע „פערבאנד פון רבנים־פליטים״ פון רוסלאנד און אנדערע לענדער וועלכער גיט צו אט־די פרינצען פון ישראל, מיט כבוד און סימפאטיע, א מאנאטליכע שטיצע, אויפצוהאלטען זייביים לעבען. א גרויסען חוב איז דער א״י־ישוב שולדיג די רבנים און גאונים פון אידישען פאלק פאר זייער געבענטשטער ארבייט אין די קרייזען פון זייער איינפלוס, אין זייערע אמאליגע קהלות אין קלויזען, לטובת ארץ־ישראל און דעם אויפבוי פון אונזער הייליגען לאנד. איצט איז געקומען די צייט, ווען מיר מוזען זיי אפצאהלען דעם מאראלישען חוב, וואס קומט זיי. די שעה איז געקומען: דער חוב פאר די פיהרער און בויער פון ישראל, טרעגער פון דער פאהן פון דער תורה — איז א חוב, וועלכער מוז אפגעצאהלט ווערען.

זאל, אלזא, יעדער איינער אויספיהלען זיין אויפגאבע און אויפנעהמען מיט פריינטשאפט און ברייטהארציקייט די פארשטייער פון דער דאזיגער אינסטיטוציע. זאל זיך יעדער איינער אנשטריינגען ווי־נאר דאס איז איהם מעגליך, כדי מנדב צו זיין מיט אן אפענער האנט די מאקסימאלסטע נדבה לכבוד דער תורה און איהרע פאהן־טרעגער, זיי זאלען קענען אויסגעהאלטען ווערען בכבוד.

אין דעם זכות פון דער תורה, בציון ובירושלים, יהי עם העושים והמעשים, זכות התורה והמצוה תעמוד להם ובכל אשר יפנו ישכילו ויצליחו לנחת ולרוחה לישועה שלמה ולגאולה קרובה בב״א.

הרבנים הראשיים פון ארץ־ישראל

(—)	(—)
יצחק אייזק הלוי הערצאג	בן־ציון מאיר חי עוזיאל

הרב הגרא"י קוק זצ"ל

הרב קוק זצ"ל, דער ערשטער געוועזענער רב ראשי אין ארץ ישראל איז געווען פון די ערשטע וועלכע האבין געגרינדעט די אינסטיטוציע לטובת רבנים-פליטים פון רוסלאנד און דער קעמפער צו ברייננען רבנים אין לאנד פון סאוויעט רוסלאנד.

די געשיכטע פון דער אינסטיטוציע
ענטוויקלונג און טעטיקייט

ווען די ערשטע רבנים־פליטים זיינען אנגעקומען קיין ירושלים, פון גלות־רוסלאנד, איז נישט געווען קיין איינציגע אינסטיטוציע אדער אָרגאניזאַציע, וועלכע זאל זיך אינטערעסירען און זארגען איבערין ביטערן גורל פון גדולי־התורה און גאונים פון בעריהמטען רוסישען אידענטום.

נאך איידער זיי זיינען אנגעקומען אין לאנד פון די אבות, זיינען די דאזיגע רבנים און גייסטיגע מנהיגים פון אידישע קהלות אין ברייטען רוסלאנד, געווען פערטרויערט און דערדריקט: ארעסטען, ליידען און יסורים זיינען געווען א נאטירליכע ערשיינונג אונטערין אידיש־יעווסעקישען רעזשים פון יענע יאהרען. נישט איצט איז די צייט — „נייע צרות מאכען פארגעסען די אלטע", זאגט א שפריכוואָרט—כדי צו דערציילען דעם קאפיטעל יסורים פון רבנים אין רוסלאנד, ווייל זיי זיינען געשטאנען אויף דער וואך פון דער תורה און פון די הייליגע, אייביגע ווערטען פון אונזער פאלק אין יענע טעג. אין די אויגען פון געוויסע הערשער, דאמאלסט, איז א רב געווען א פיינט, אפילו „א געפעהרליכער פיינט" פון דער מלוכה... ער האט פערלארען זיין פרנסה, מען האט צוגענומען זיינע רעכט, זיין עבודת הקודש איז פערבאָטען געווארען, יעדער פריץ און שררה, א אידישער אדער נישט קיין אידישער, האט דעם רב מיט די פיס געטראטען. ווער ס'האט פערשאפט מעהר יסורים דעם רב, איז געווארען א גדול...

רבנים און גדולי־התורה זיינען פערטריבען געווארען קיין סיביר, אהן א קרוב, אהן א גואל. פילע זיינען דארטען פריהצייטיג נפטר געווארען און זיינען מעהר קיינמאל נישט געקומען צוריק—צו זייערע פאמיליעס און קהלות. שווער און ביטער איז געווען די לאגע פון די פרומע אידען, די אזוי־גערופענע „קאנטער־רעוואלוציאנערן" און טויזענט מאל שווערער איז געווען די לאגע פון די רבנים פון די אידישע קהלות.

דאך, ס'איז א וואונדער: די רוסישע רבנים האבען זיך נישט דערשראקען און זייער גייסט איז נישט געפאלען. זיי האבען ווייטער, פארטגעזעצט די הייליגע ארבייט, אויסגעהאלטען תלמוד־תורה'ס און ישיבות — טראָץ אלע דראהונגען — און נישט געטראכט וועגען מעגליכע שווערע שטראפען און רדיפות.

טרייע וועכטער זיינען די רבנים פון די קהלות געווען איבער דעם טייערסטען פקדון, וועלכער איז איבערגעגעבען געווארען און זייערע הענט: די תורה, די אידישע טראדיציעס און דינים. אין־געהיים, אין קעלערן און אונטער דאכען האבען זיי געלערנט תורה מיט אידישע קינדער, טראָץ די ארעסטען פון רבנים, טראָץ דעם הונגער און עפידעמיעס. דער רוסישער רב האט זיך קיינמאל נישט ענטוישט, ווען ער האט געדארפט פערטיידיגען די הייליגטימער פון ישראל. ווער ווייסט ווי־אזוי דאס רוסישע אידענטום וואָלט היינט אויסגעזעהן, ווען נישט די

קרבנות און דרייסטע אפפערוויליקייט פון די רבנים, וועלכע האבען — אפט מיט זייערע לעבענס, ליידער — ממש געראטעוועט דאס פאלק פון שמד און אונטערגאנג.

ווען די ליידען זיינען געווארען שרעקליכער, האבען א סך רבנים גענומען זוכען א וועג קיין ארץ ישראל, דאס לאנד צו וועלכען זיי האבען אייביג געשטרעבט. געפעהרליך־שווער איז געווען די אויסרייזע פון רוסלאנד אין יענע צייטען. צום גוטען זאל דא דערביי דערמאהנט ווערען דער ערשטער רב ראשי פון א״י הגאון רא״י הכהן קוק זצ״ל, וועלכער איז געווען דער ערשטער וואס האט נישט גערוהט און געקעמפט כדי בטל צו מאכען דעם פערבאט אויף אויסרייזע פון רוסלאנד פאר רבנים. ער האט אפילו בעקומען סערטיפיקאטען פאר רוסישע רבנים — און די לעצטע האבען געמוזט צאהלען גאלד און דאלארען פאר אויסרייזע־פאס־פארטען — און ס׳האט זיך אנגעהויבען דאס אנקומען קיין ארץ־ישראל פון רבנים פון פערשידענע קהלות און שטעדט פון רוסלאנד, צוערשט זיינען אנגעקומען איינצעלנע, נאכדעם זיינען געווען צעהנדליגער...

וויייניגע געראטעוועטע פון דעם אנטי־רעליגיעזען פייער, זיינען אלע רוסישע רבנים געקומען קיין ירושלים. אבער אויך דא האבען זיי, ליידער, קיין רוה, קיין נחת, נישט געפונען. זייערע צאן־קדשים, מיטגלידער פון זייערע קהלות, זיינען געבליבען אין גלות, פערלאזענע, וויטע... די אנגע־קומענע רבנים האבען געמוזט גלייך זארגען וועגען עטוואס פרנסה פאר זייערע פאמילעס און קיין הילף איז נישט געווען.

דאן איז אויך אנגעקומען קיין „ארץ־ישראל דער „ארי שבחבורה״, הגאון ר׳ איסר־זלמן מעלצער שליט״א, הגאב״ד ור״מ פון לוצק, וועלכער האט בעשלאסען אויפצושטעלען אן אינסטי־טוציע לטובת די רבנים־פליטים, כדי די לעצטע זאלען געשטיצט ווערען און זיך איינפלאנצען אין אידישען לאנד. דער ראדינער רב ר׳ מרדכי־סנדר הלוי קאפ־שטיין שליט״א איז געווארען דער מנהל פון דער „פערבאנד פון רבנים עולי־הארץ״ (דאס איז געווען דער ערשטער נאמען פון אונזער אינסטיטוציע) און איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך מוסר־נפש געווען און געארבייט ענערגיש לטובת די רבנים־פליטים אין ארץ־ישראל.

די אינסטיטוציע איז געווען קליין און ארים, אבער דער שטראם רבנים־פליטים האט זיך כסדר פערשטארקט און דערמיט צוזאמען זיינען אויך מעהר געווארען די ביטעס וועגען הילף און שטיצע. א פערזאמלונג פון רבנים, אין הויז פון רב ראשי הגרי״א הערצאג שליט״א, האט אויסגעוויהלט א ברייטען קאמיטעט און דער היינטיגער קאמיטעט איז אויך דאמאלסט בעשטימט געווארען, אינטער דער לייטונג פון הרב הגאון ר׳ שמואל קיפניס שליט״א און מיט דער הילף פון פריהערדיגען מנהל און די מיט־גלידער פון קאמיטעט, וועלכע שטייהען אויף דער וואך ביז היינטיגען טאג, כדי צו פערברייטערען די אינסטיטוציע און פארגרעסערען די הכנסות לטובת די רבנים־פליטים.

עס האט לאנג נישט געדויערט... ערשט נעכטען זיינען עס געווען רבנים פון רוסלאנד און שוין, ווי נאר דער רשע היטלער ימח־שמו איז געקומען צו דער מאכט, האבען אנגעהויבען צו קומען קיין א״י, אלס פליטים, בערי־מטע רבנים און גאונים פון דייטשלאנד... רבנים, וועלכע זיינען געווען געוויינט צו לעבען אין כבוד און עושר, זיינען פלוצלונג געפאלען אין ארימקייט און אומגליק. זיי האבען קיין געהאלט נישט געהאט, זיי האבען זייערע קהלות פער־לארען... ווער קען עס פיהלען דעם ווייטאג פון די דייטשע רבנים, ווען זיי זיינען עולה געווען קיין א״י אהן שטיצע, אהן הילף פון ווענמען־ס׳איז!

אבער דער „פערבאנד פון רבנים ־פליטים״ האט נישט געזאגט חס־ושלום: „ז י י ז י י נ ע ן נ י ש ט א ו נ ז ע ר ע״!... ניין. מיט כבוד און פריינטשאפט זיינען זיי אויפגענומען געווארען, יעדער רב־פליט פון דייטשלאנד, וועלכער האט זיך געווענ־דעט צו אונז איז געשטיצט געווארען מיט אלע מעגליכקייטען.

אזוי־ארום זיינען די נויטען פון אונזער אינסטיטוציע געווארען גרעסער אבער — נישט די הכנסות. און דאן האבען מיר געפונען הילף און ערמוטי־גונג אין דער פערזאן פון הרב הגאון ר׳ י ע ק ב ק ל ע מ ע ס שליט״א, מיטגליד פון רבנות הראשית פון ארץ־ישראל, פריהער אויבער־ראבינער פון מאסקווע. ער איז אוועק קיין אמעריקע און מיט זיין ענ־ערגיע און איינפלוס האט ער געוואונען פאר אונזער איסיטיטוציע די שטענדיגע, מאנאטליכע שטיצע פון „דזשוינט ד. ק.״ אזוי ארום איז געווען מעגליך צו פאר־גרעסערן דישטיצע פאר רבנים־פליטים. זכרה לו אלוה לטובה!

און אט איז אויסגעבראָכען די צווייטע וועלט־מלחמה און א שרעקליכער אומגליק, וואס אזעלכען האט אונזער פאלק נישט געקענט זייט דעם חורבן פון בית־המקדש, איז געפאלען אויף אונז אלעמען; אפילו די טויערן פון אידישען לאנד — וועלכע זיינען אכזר־יות׳דיג געשלאסען געווארען פאר אנט־לויפענדע פון גאז־קאמערן — זיינען געשטאנען אין געפאהר...

דאך, ברוך־השם, טויזענטער הא־בען זיך ארויסגעריסען פון די נאצישע נעגעל און זיינען אנגעקומען קיין ארץ־ישראל. צווישען די געראטעוועטע זיינען אויך געווען צעהנדליגע רבנים און גדולי־התורה פון פוילען, ליטע, רומע־ניע, אונגארן און אנדערע לענדער. די פערוואלטונג פון אונזער איסטיטוציע האט געטאהן אלעס, כדי גלייך צו העל־פען די נייע קרבנות. דער פערבאנד איז פערוואנדעלט געווארען אין א בריי־טער ארגאניזאציע פאר אלע רבנים־פליטים און האט זיך א נאמען געגעבען: „פ ע ר ב א נ ד פ ו ן ר ב נ י ם ־ פ ל י ט י ם פ ו ן ר ו ס ל א נ ד א ו ן א נ ד ע ר ע ל ע נ ד ע ר״. אמת איז, אז עטוואס בעסער איז געווען די לאגע פון רבנים־פליטים פון פוילען ווייל זיי האבען בעקומען א מאנאטליכע שטיצע פון דער פוילישער גלות־רעגירונג, אבער פאר׳ן לעצטען יאהר איז די שטיצע בטל גע־ווארען און מיר העלפען די פוילישע רבנים אויך, פונקט ווי אלע אנדערע רבנים־פליטים און נאכמעהר אפילו.

דא מוזען מיר ווידער דערמאהנען לטובה דעם „דזשאינט״ פון אמעריקע, דעם דר. יהודה־לייב מאגנעס, דעם דר. יוסף שווארץ און דעם ה׳ ש. פאסמאן,

פאר דער פארגרעסערטער הילף וועלכע זיי האבען געגעבען אונזער אינסטיטו־ציע, צוליב דער גרויסער צאהל רבנים־פליטים, וועלכע מיר האבען גע־מוזט אונטערשטיצען.

גרויסע אקציעס

די פערוואלטונג פון אונזער אינ־סטיטוציע האט איינגעפונען אז א גרוי־סער טהייל פון די אונטערשטיצטע רב־נים שטרעבען צו ארבייט אויפ'ן פעלד פון רבנישער ליטעראטור, אויף וועלכער זיי זיינען ספעציאליסטען פון תמיד — איז געפונען געווארען א וועג דערצו: לויט דעם פארשלאג פון רב ראשי פון ארץ־ישראל הגרי"א הערצאג שליט"א איז בעשלאסען געווארען ארויסצוגעבען דעם „אוצר הפוסקים", א קאלא־סאלע ווערק פאר אלע דורות. כדאי צו בעמערקען, אז מיט'ן זעלבען גע־דאנק האט זיך געטראגען אויך הגאון ר' זלמן־איסר מעלצער שליט"א.

די אינסטיטוציע האט דעם פאר־שלאג זאפארט אנגענומען. די גרויסער און הייליגע ארבייט האט זיך אנגעהוי־בען מיט דער בעטהייליגונג פון בע־קאנטע רבנים־פליטים און וויכטיגע יונגע קרעפטען, וועלכע וועלען אויפזאמלען פון דער גאנצער ליטעראטור אלע שאלות ותשובות — ארויסגענומען פון טויזענטער ספרים — און זיי וועלען דערקלעהרט ווערען און פערזאמעלט ווערן אין איין בוך, דאס איז דער "אוצר הפוסקים".

אט־דער נייער ארבייטס־צווייג האט געפאדערט פון אונז פיעל ענערגיע, איניציאטיווע און מסירת־נפש אהן א סוף. דאך, ברוך־השם, דער ערשטער באנד איז שוין ערשינען און מיר האפען בעזרת־השם פארזעצען די ארבייט ביז מיר וועלען בענטשען דעם סיום פון לעצטען, פערטען באנד. לײדער, אויך אין דאזיגען צווייג, זיינען מיר אריין אין א גרויסען דעפיציט, אבער מיר האבען נישט געקענט אפשטעלען די ארבייט — וועט עס ווידער זיין א גרוי־סער זכות פאר'ן אידישען פאלק, פאר נדיבי־העם, צו העלפען אונז ענדיגען דעם דאזיגען גרויסען און הערליכען רבנישען ווערק.

דאן איז געקומען אן אנדער לייטונג:

דירות פאר רבנים-פליטים. יעדער איינער ווייסט, ווי גרויס עס איז דער דירות-מאנגעל אין ארץ-ישראל. מען מוז אויך צאהלען „שליסעל-געלד" — א משונה'דיגע מכה אויפין קערפער פון ישוב. [illegible] טאהן די האלב-נאקעטע, ארימע רבנים-פליטים?

איז געקומען דער געדאנק אויפ-צושטעלען א קווארטאל פון הונדערט דירות פאר רבנים-פליטים, כדי נישט צו ארויסוואר-פען הונדערטער פונטען „שליסעל-געלד" און אויך שעהנער און גרעסער מאכען די הייליגע שטאדט ירושלים.

ס'איז זעהר א שווערע לאסט אויף אונזערע פלייצעס געווען. דאך האבען מיר בעשלאסען זיך צו נעהמען צו דער ארבייט, מיט גאט'ס הילף. מיר האבען פעסט בעשלאסען צו ענדיגען די ארבייט, ביז 100 רבנים-פליטים מיט זייערע משפחות וועלען וואוינען מיט כבוד אין אייגענע דירות.

אונזער אינסטיטוציע האט פאר'ן יאהר תש"ו געהאט אן אלגעמיינעם ביודזשעט פון — .43,572 פונט. אויף אונ-זערע שולטער ליגט א חוב פון טויזע-

נטער פונט; די הוצאות ווערען כסדר גרעסער און מיר האבען קיין ברירה נישט — מיר ווענדען זיך צו אידען פון דער גאנצער וועלט זיי זאלען אונז העלפען און פארגרעסערען די שטיצע פאר אונזער אינסטיטוציע.

דערפאר איז, דורך דעם רב ראשי הגרי"א הרצוג שליט"א און דורך דער פערוואלטונג פון אונזער פערבאנד בעשלאסען געווארען צו שיקען א דעלעגאציע קיין אמעריקע. אין דעם מאמענט געפינען זיך שוין אין די יונייטעד-סטייטס די גרויסע רבנים הרב יעקב קלעמעס שליט"א, וועלכער איז ארויס אויף דער שליחות טראץ דער שוואכקייט און אלטקייט און דער בעריהמטער רב און עסקן הרב שמואל קיפניס שליט"א, וועלכער איז, אייגענטליך, דער לעבעדיגער גייסט פון אונזער פערבאנד, דער לייטער און אנפיהרער פון דער גאנצער ארבייט פון הילפס-קאמיטעט פאר רבנים-פליטים אין ארץ-ישראל. הרב קיפניס, וועמענס צניעות און שטילקייט איז גוט בעקאנט, וועט אונז ענטשולדיגען פאר דער „רעקלאמע", וואס מיר מאכען איהם; ער דארף קיין פאבליסיטי נישט האבען...

ביידע חשוב'ע שליחים פון אונזער הילפס-קאמיטעט האבען שוין געגרינדעט אין ניו-יארק אן אפיס, וועמענס אדרעס איז:

Kimum Chachmei Iisroel Hapleitim B'Eretz Iisroel, Inc.
Relief Committee to Rehabilitate Refugee Rabbis in Palestine
220 Broadway, Box 1506,

ווענדעט זיך צום דאזיגען אפיס פאר יעדער אינפארמאציע.

געזעגענונגס־אווענד לכבוד די חשוב'ע רבנים הרב קלעמעס און הרב קיפניס צוליב זייער אפרייזע קיין אמעריקא אין די אינטערעסין פון אונזער אונסטיטיושאן.—און פרעזידיום זיצען (פון רעכטס צו לינקס) די חשוב'ע רבנים: הרב סטאלעוויטש (חאסלאוויטשער רב) הרב קלעמעס (מאסקווער רב) הגאון ר' איסר זלמן מעלצער (סלוצקער רב) הרב זעווין (שטייט) הרב הראשי עוזיאל הרב הראשי הערצאג, הרב קיפניס (אברוטשער רב) הרב סורוצקין [לוצקער,רב).

מיר פיהלען א צוטרוי צו נדיבים פון אידישען פאלק און מיר גלויבען, אז יעדער איד, אומעטום, וועט אונז העלפען אויסצופיהרען אלע אונזערע פלענער לכבוד התורה ולכבוד לומדיה. און מיר וועלען זוכה זיין צו זעהן גאולת ישראל וציון. אמן ואמן.

די רֶביים און גדולי התורה שרייבען:

ב"ה, ירושלם בחדש שבט תש"ג.

קול קורא

אל כבוד הרבנים הגאונים, פרנסי ישראל היודעים תמיד בצערן של ישראל, גבאי בתי הכנסת ואל כבוד נדיבי עמנו ד' עליהם יחי'.

מצאנו לחובה קדושה לבוא אליכם אחים יקרים בקריאה זו: מאות מאות רבנים גאונים וצדיקים, ועשרות אלמנות עדינות אשר בעליהן נאספו בלא עתם מפאת הגזרות האיומות, כולם מתהלכים כצללים בארץ, והם ונפשות ביתם טובלים סבל נורא. המשענת העיקרית פה בירושלים עיה"ק הוא מוסדם "ועד העזרה התאחדות הרבנים פליטי רוסיא ושאר ארצות" שמידו נתנת תמיכה חדשית קבועה לכל משפחה ומשפחה בדרך כבוד.

אבל מה כחו של מוסד זה לעומת הזרם הבלתי פוסק, ובשעה שהדרישות הולכות ורבות מדי יום יום, והמקורות של ההכנסות מחו"ל נאחזו בחלק גדול בסבך קשיי התחבורות דללו וגם פסקו.

רבני מאורי ישראל שליט"א די בכל אתר ואתר, וביחוד אלה הרבנים אשר הרבה זכו מן השמים להמלט על נפשם מארץ הדמים וסדרו עצמם בארצות הברית ובשאר מדינות יתברכו בכל טוב סלה, אליהם ואליכם אנו קוראים בלב נשבר ונדכא שימו עיניכם ולבכם על גורל המר של אחינו הרבנים שליט"א, סכנה ממש ח"ו מרחפת על יותר משלש מאות משפחות המיוחסות שבישראל מפאת מחסורם מחסור ללחם ממש, צר לנו לראות בצערן של יותר משלש מאות משפחות הגדולות האלו שאמנם זכו להסתפח בנחלת ד' בירושלם עיה"ק באו אל הנחלה אבל לא באו אל המנוחה, עיפים ויגעים עד שארית כחם עד בואם לארה"ק ולא מצאו עדיין מנוח להסתדר באיזו אופן שהוא, אנא לרחם על משפחותיהם הכבודות האומללות שלא יסבלו ח"ו חרפת רעב, שלא יעמדו צפופים משפחה גדולה בחדר קטן אחד, עליכם לטכס עצה עם כבוד אנשי מעלה רב"ר איך להציל הנפשות היקרות שלא יקרה להם שום אסון ח"ו.

עלינו לזכור תמיד את אמרם ז"ל על הוידוי "ידינו לא שפכה... שלא בא לידינו ולא פטרנוהו בלא מזונות."

הסכום המינימלי הנצרך לנו להחזקת המשפחות הכבודות האלה הוא בערך אלפים וחמש מאות לירות לחדש, בקשתנו ודרישתנו שכל רב יקבל עליו לכה"פ ששבוע אחד בשנה ישתדל לטובת אחיו הרבנים הנמצאים בארה"ק, ויודעים אנו מהנסיון שאחדים מרבני ארה"ב שקבלו עליהם זאת מכבר, עולה בידם כ"א להמציא לנו אלו מאות דולרים בכל שנה ובטוחים אנו כי אם כן יעשו כל רבני ארה"ב תפתר שאלת קיומם של הרבנים הפליטים ומשפחותיהם בדרך כבוד לטובה ולברכה.

ובזכות שימת עין ולב על כל אלה לעשות באמת כל אשר בכחנו לעשות, נזכה יחד להנחמות אשר הבטיחו לנו הנביאים, כחקות כל הנפשות בענות של אחב"י המחכות ומצפות לרחמי שמים בקרוב ובתוכם הבאים על החתום.

האחים
אברהם דוב ודוד נהרה"צ מהר"ר
מנחם נחום זצוק"ל מרחמיסטריווקא
בעיה"ק ירושלם תובב"א

גם אנו הח"מ מצטרפים לקריאה הגדולה הנ"ל ובאעה"ח ביום כ' לחדש תמוז תש"ה.

ב"ה, ירושלם עיה"ק ת"ו

הנני מאשר ומקיים את דברי כ' הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א החתומים מעלה ואני פונה בקריאה גדולה לרבני ופרנסי הקהלות הי"ו להיות עושים ומעשים למען הרבנים פליטי הגולה שליט"א שכולם גדולי התורה ויראה ומהם גאונים מפורסמים שנמלטו לארצנו הק' והנם פה בעירנו ובמחסור אשר כמעט לא יאומן כי יסופר. אני יודע בצערם של תלמידי חכמים ושל משפחותיהם היקרות. אין לשער גודל ערך המצוה הזאת שיש בה משום פקוח נפשות והחזקת תוה"ק ובזכות המצוה הגדולה הזאת נזכה לישועת ה' במהרה בקרוב, אמן.

יצחק אייזיק הלוי הרצוג
הרב הראשי לא"י התופעיה"ק ירושלים ת"ו

ISAAC HERZOG CHIEF RABBI OF THE HOLY LAND

Address: Relief Committee for Refugee Rabbis, P.O.B. 5051, Jerusalem, Palestine

ב"ה, ירושלים, אין חודש שבט תש"ג.

קול קורא

(אידישע איבערזעצונג)

צו אלע רבנים, גאונים, פרנסי־ישראל, וועלכע קענען די לײדען פון אידישען פאלק, צו גבאים פון שוהלען און צו אלע נדיבים פון אונזער פאלק, ה' עליכם יהי'.

מיר האלטען עס פאר א הייליגע אויפגאבע צו קומען צו אייך מיט דעם פאלגענדען אויפרוף:

הונדערטער רבנים, גאונים וצדיקים, צעהנדליקער אלמנות, וועמענס מענער זיינען אומגעקומען פאר דער צייט צוליב די שרעקליכע גזרות, גייען ארום ווי שאטענס און לײדען שווערע יסורים.

די איינציגע שטיצע בעקומען זיי פון „הילפס־פערבאנד פאר רבנים־פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער", וועלכער פערטהיילט א מאנאטליכע שטיצע פאר יעדער פאמיליע, זי זאל קענען לעבען בכבוד.

אבער וואס קען די אינסטיטוציע טאהן, ווען עס קומען כסדר אן נייע רבנים־פליטים, ווען די ביטעס וועגען שטיצע ווערען צאהלרייכער פון טאג צו טאג און די הכנסות פון אויסלאנד זיינען קליין!

צו די רבנים אין דער גאנצער וועלט, בפרט צו יענע וועלכע האבען זיך איינגעארדענט אין אמעריקע און אנדערע מדינות — צו זיי ווענדען מיר זיך בעזונדערס וועגען דעם ביטערן גורל פון ברידער־רבנים שליט"א:

א געפאהר חס־ושלום לויערט אויף העכער 300 גרויסע פאמיליעס פון רבנים, וועלכע האבען נאך אלץ קיין מנוחה נישט אין ירושלים עיה"ק; זיי זיינען מיד און אויסגעמאטערט; זיי האבען זיך נאך נישט אינסטאלירט אין ארץ־ישראל און מיר בעטען רחמנות צו האבען אויף די דאזיגע אומגליקליכע קרבנות, זיי זאלען נישט לײדען ח"ו הונגער, זיי זאלען זיך נישט דארפען דריקען א סך נפשות אין איין צימערל — איהר דארפט זיך בעראטען מיט אלעמען, ווי־אזוי צו ראטעווען את־די טייערע נפשות פון אן אומגליק ח"ו.

לאמיר געדיינקען די ווערטער פון חז"ל: „ידינו לא שפכה... שלא בא לידינו, ולא פטרנוהו בלא מזונות"...

די מינימאלסטע סומע, וועלכע מען דארף האבען כדי אויסצוהאלטען די דאזיגע בכבוד'יגע פאמיליעס איז בערך 2,500 פונט מאנאטליך. בעטען מיר, אז יעדער רב איבער דער וועלט זאל נעהמען אויף זיך כאטש איין וואך פון אויסהאלטען די רבנים־פליטים אין ארץ־ישראל. מיר ווייסען שוין, אז עטליכע רבנים אין אמעריקע טהוען אזוי און זיי שיקען אונז עטליכע

הונדערט דאָלאר א יאהר — זיינען מיר זיכער, אז אויב אלע רבנים פון אמעריקע, קאנאדע, אפריקע א. א. וו. וועלן טאהן אזוי, וועלן מיר קענען בכבוד אויסהאלטען די רבנים־פליטים און זייערע משפחות.

אין דעם זכות און די גרויסע מצוות, וועלן מיר זוכה זיין צו נחמות, ווי דער נביא האט געזאָגט.

צבי פסח פרנק
(גאב״ד ירושלם)

איסור זלמן מלצר
(סלוצקער רב)

יעקב משה חרל״פ
(ירושלם)

יעקב קלמס
(מאסקווער רב)

שלמה דוד בהנא
(ווארשאווער רב)

הק׳ אליעזר בהה״צ **מוהר״י** זצללה״ה
(וויזניצער רבי)

זלמן סורוצקין
(לוצקער רב)

אברהם מרדכי אלטר
(גורער רבי)

ישראל מרדכי במו״ה **פייבש**
(הוסיאטינער רבי)

הק׳ **אהרן רוקח**
(בעלזער רבי)

נחום מרדכי במוה״ר **ישראל** זצ״ל
(טשארטקאווער רבי)

ישראל במוהר״ר **יצחק** זצ״ל
(בויאן־לייפציגער רבי)

אברהם יעקב במוהר״ר **ישראל**
(סאדיגורער רבי)

מרדכי שלום יוסף במוהר״ר **אהרן**
(סאדיגורה־פשעמישלער רבי)

ברוך רבינוביץ
(מונקאטשער רבי)

יוסף צבי דושינסקיא
(גאב״ד ירושלים
ורב ראשי לאג״י באר״י)

עקיבא בה״ג **מהרש״ב סופר** זצ״ל
(פרעשבורגער רב)

זעליג ראובן בענגיס
(ראב״ד ירושלים)

יצחק זאב הלוי **סאלאווייציק**
(בריסקער רב)

אברהם דוב בהרה״צ מוהר״ר **מנחם נחום** זצוקללה״ה
(ראחמיסטריווקער רבי)

דוד בהרב הצ׳ מוהר״ר **מנחם נחום** זצוקללה״ה
(ראחמיסטריווקער רבי)

הק׳ **מרדכי רוקח** באאמו״ר מבעלזא זצוקללה״ה
(בילגורייער רב)

ב״ה, ירושלים ת״ו.

איך בעשטעטיג פולשטענדיג די ווערטער פון די רבנים גאונים וצדיקים שליט״א, געצייכענט אויבען און איך ווענד מיך מיט א גרויסען אויפרוף צו רבנים און ראשי־קהלות הי״ו זיי זאלען טאהן אלעס מעגליכעס פאר די רבנים־פליטים פון גלות שליט״א, גדולי־התורה ויראה, צווישען זיי בעריהמטע גאונים וועלכע זיינען אנטלאפען פון גיהנום קיין ארץ־ישראל און זיי געפינען זיך דא נאקעט און ארעם, ממש אונגלויבליך.

אויך קען די ליידען פון די תלמידי־חכמים און פון זייערע טייערע פאמיליעס. איהר קענט זיך גארנישט פארשטעלען, ווי גרויס עס איז די מצוה פון ראטעווען נפשות און אויסהאלטען רבנים און צדיקים און היילִיגען לאנד. בזכות המצוה הגדולה נזכה לישועת ה׳ במהרה בקרוב, אמן.

יצחק אייזיק הלוי הערצאג
הרב הראשי פון א״י החופעיה״ק, ירושלם ת״ו

טעטיקייט פון אונזער אינסטיטוציע.

ערשטע שטיצע: צווישען די עולים פון קאנצענטראציע־לאגערן פון אייראפע געפינען זיך אויך שארית־הפליטה פון שריפטשטעלער, רבנים וגדולי־התורה, וועלכע זיינען געשטאנען בראש פון גרויסע און בעריהמטע קהלות און אונבאשרייבליך זיינען די ליידען און יסורים פון אט־די געראטעוועטע.

ווי בעקאנט זארגען די „אידישע אגענץ" און אנדערע ארגאניזאציע פאר די נייע איינוואנדערער, גלייך ווי זיי קומען אן קיין ארץ־ישראל. זיי ווערען געשיקט אין פערשידענע ארבייטס־פלעצער און מען העלפט זיי מיט געוויסע געלד־סומען פאר זייערע ערשטע שריט אין לאנד. די רבנים־פליטים אבער טויגען נישט פאר ארבייט און ווען נישט די שטיצע פון אונזער פערבאנד, וואלטען זיי געווען באמת אומגליקליך, דוקא אין גליקליכען מאמענט, ווען זיי זיינען סוף סוף אנגעקומען קיין ארץ־ישראל, לעבען־און בעזעצען זיך דא.

אזוי־ארום, הויבט זיך אן די שטיצע מצד דעם „פערבאנד פון רבנים־פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער" פון ערשטען מאמענט אן. מען דארף האר'ן בעזארגען א האטעל פאר'ן רב און פאר זיין משפחה, ביז מען קריגט פאר איהם א דירה אדער א צימער. דאס זיינען זעהר־גרויסע הוצאות, אבער מיר האבען קיין רעכט נישט אפצוזאגען ערשטע הילף פאר רבנים, וועלכע זיינען יאהרענלאנג געווען גייסטיגע פיהרער פון בעריהמטע קהלות.

מייסטענס, מוזען מיר זיי אויך בעזארגען מיט קליידער, פאר זיי און פאר זייערע פאמיליעס. דאס ווערט אויך געטאהן דורך אונזער אינסטיטוציע, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע הוצאות. מיר ווייסען גוט די ליידען פון אט־די טייערע רבנים־פליטים און מיר טארען נישט זיין קארג לגבי זיי, פארשטערן זיי די שמחה פון זייער עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

1600 פונט בערך אין יאהר תש"ו זיינען געווען אונזערע הוצאות פאר ערשטע שטיצע.

די זארג וועגען א דירה: ס'איז זעהר שווער צו געפינען א דירה היינטיגע צייטען אין ארץ־ישראל. אבער מען מוז געפינען. מען טאר נישט לאזען א רב, א פליט אהן א דאך איבער'ן קאפ, קאסט עס אונז אונגע־הויער גרויסע סומען ביז מיר בעזעצען א רב מיט זיין פאמיליע אין א דירה.

דאן מוז מען אויך זארגען וועגען א ביסעל מעבל, עטוואס כלים. דאס אלץ ווערט געטאהן פון אונזער זייט, כדי צו פערלייכטערן דאס איינארדענען זיך פון רבנים־פליטים. מיר דאנקען גאט, וואס מיר זיינען זוכה צו אזא מצוה!

אונזער פערבאנד אונטערשטיצט אויך רביצינס־אלמנות, וועמענס מענער, רבנים, זיינען אכזריות'דיג געטויטעט געווארען אין נאצישע לאגערן און די פרויען זיינען געבליבען אהן שטיצע און הילף. אויך יתומים, טעכטער פון רבנים. וועלכע זיינען געראטעוועט געווארען, ווערען ברייט געשטיצט דורך אונזער אינסטיטוציע.

בעקליידונג: אויסער דער פארטהיילונג פון קליידער פאר ניי־

אנגעקומענע רבנים-פליטים, זארגען מיר אויך דערפאר, אז פון צייט-צו-צייט, אדער פערמאנענט, זאלען רבנים-פליטים בעקומען אנצוגען, וועש. שטאף. א דאנק דעם „עזרת תורה" פון אמעריקע, האבען מיר דערהאלטען 5 טאָן בגדים און זיי צוטהיילט גאנץ אומזיסט צווישען די רבנים-פליטים. פערשטהייט זיך, אז די קליידער זיינען פערטהיילט געווארען בכבוד'יג, אזוי אז דער רב זאל זיך נישט פיהלען חס-ושלום, בעליידיגט, דורך דער דאזיגער שיטצע.

דאך, ליידער, גאר ווייניג האבען מיר געקענט טאהן. מיר ווילען גרעסער און ברייטער מאכען אונזער אינסטיטוציע ווייל מיר ווייסען צו־גוט, אז מ ע ן מ ו ז נ א ך ז ע ה ר פ י ע ל ט א ה ן א ו י ף ד ע ם ד א ז י ג ע ן פ ע ל ד.

מעדיצינישע הילף:

צוליב דער שווערע עקאנאמישער לאגע, אין וועלכער די רבנים-פליטים געפינען זיך צוליב קערפערליכער שוואכקייט און ליידער, אפט צוליב שלעכטער בעשפייזונג און דעם נייעם קלימאט פון ארץ-ישראל, זיינען מיר כסדר געצוואונגען צו געבען ארצטליכע הילף צו זיי. מיר האבען אן אפמאך מיט „הדסה" פון ירושלים וועגען היילען אונזערע חברים-רבנים פאר מינימאלע פרייזען. אויך דא מוזען מיר בעדאנקען דעם דר. י. ל. מאגנעס, וועלכער האט די דאזיגע טובה אויסגעפועל'ט. זייט דעם אפמאך מיט „הדסה" האבען זיך בענוצט מיט דער מעדיצינישער הילף פיעלע רבנים-פליטים און זייערע פאמיליעס, וועלכע האבען בעקומען אין יאהר תש"ו 4000 קראנקהייטסטעג, 150 אויפנאהמען און אונטערזוכונגען א.א.וו. א בעזונדערער הויז-דאקטאר האט געמאכט 4000 היים-בעזוכען, א צאהן-ארצט האט געפפלעגט אונזערע רבנים און 5 אפטייקען גיבען פאר אונזערע חברים ספעציעלע הנחות.

1741 פונט זיינען געווען אונזערע הוצאות פאר מעדיצינישער שטיצע, אין יאהר תש"ו.

מאנאטליכע אונטערשטיצונג:

די הויפט-לייסטונג פון אונזער ארבייט איז די מאנאטליכע שטענדיגע שטיצע, וועלכע ווערט געגעבען יעדען רב-פליט און זיין פאמיליע. יעדער רב, וועלכער קומט אן קיין ארץ-ישראל און ווענדעט זיך צו אונז ווערט געשטיצט מיט א בעשטימטער סומע לויט ווי די פערוואלטונג פון אונזער אינסטיטוציע בעשליסט, רעכענענדיג זיך מיט'ן שטאנד, מיט דער וויכטיקייט און נפשות פון יעדען רב.

אט-די שטיצע, וועלכע איז אפשר נישט גענוגענד, גיט די מעגליכקייט פאר א מינימאלער עקזיסטענץ און דערמיט קען דער רב-פליט זיך זוכען אויך אנדערע פרנסה-קוואלען.

פערשטהייט זיך אז מיר זארגען אויך דערפאר, אז א רב זאל בעקומען א גאנצע, אדער א האלבע שטעלונג. העכער 30 רבנים, זיינען דורך אונז איינגעארדענט געווארען אויף פערשידענע אמטען אין ארץ-ישראל, ווער אלס רבנים, ווער אלס שו"ב, ווער אלס מגיד שעור א. א. וו. אונזערע רבנים זיינען העכסט-צופרידען ווען זיי קריגען ארבייט, אבער עס זיינען אויך פאראן אזעלכע, וועלכע קענען מעהר נישט ארבייט, צוליב די ליידען און פיין אין גלות...

דערוויילי זיינען די הוצאות געווארען גרעסער און די הכנסות

זיינען נישט געשטיגען. מיר האבען דערפאר א גרויסען דעפיציט און הלואי זאלען אונזערע ווערטער געפינען אן אפקלאנג אין אלע אידישע הערצער, כדי מיר זאלען קענען אפצאהלען אונזערע חובות און פארגרעסערן די שטיצע צו די רבנים־פליטים.

גמילות־חסדים קאסע:

מיר האבען געהאלטען פאר נויטיג צו גרינדען אזא לייה־קאסע ביי אונזער פערבאנד, כדי צו העלפען רבנים דורך הלואות אויף לייגגערע צייט און גוטע בעדינגונגען, אהן פראצענטען. די הלואות ווערען געגעבען פאר קאנסטרוקטיווע צוועקען; כדי צו לערנען א פראפעסיע; כדי צו קויפען ארבייטס־מכשירים, נייה־מאשינען א. א. וו. פאר דער מוטער אדער די טאכטער פון א רבנישער משפחה, וועלכע נעהמען אזוי־ארום אן אנטהייל אין דער לאסט פון דער פרנסה.

ביז־איצט איז די דאזיגע ארבייט געמאכט געווארען דורך דער גמ"ח „קרן שמואל", איצט נאכ'ן דערהאלטען א ספעציעלע סומע געלד פון אונזער פריינט הרב הגאון מעדניק שליט"א (טשיקאגא) האבען מיר געגרינדעט אן אייגענע גמ"ח־קאסע, וועלכע וועט דעם נאמען טראגען פון זיין פרוי, הרבנית מעדניק ע"ה. 60 משפחות פון רבנים האבען שוין בעקומען הלואות פון אונזער גמילות־חסדים קאסע אין לעצטען יאהר, אויף א סכום פון 1000 פונט.

הכנסת כלה, דרוקען ביכער א. אנד.:

אונזער אינסטיטוציע איז אויך זוכה צו דערפילען די מצוה פון הכנסת־כלה און געוויס טהוען מיר עס מיט גרויס פארגעניגען. א סך טעכטער פון רבנים־פליטים זיינען דורך אונז געהאלפען געווארען ביים חתונה־האבען.

פארהאן אויך רבנים וגדולי־התורה וועלכע האבען געשריבען גרויסע רבנישע ווערק, האט אונזער אינסטיטוציע זיי געהאלפען צו דרוקען זייערע ספרים. העכער הונדערט רבנישע ווערק זיינען אזוי־ארום ערשינען מיט אונזער הילף.

ווען עס קומט יום־טוב (פסח און סוכות) פערטהיילען מיר צווישען אונזערע חברים גרעסערע תמיכות, זיי זאלען האבען א פרייליכערן יום־טוב, עס קומען אויך פאר דרינגענדע פאלען, ווען מיר העלפען מיט בעזונדערע סומען געלד.

וויכטיג!

אויסער דער הילפס־ארבייט אין ארץ־ישראל, שיקען מיר אויך מאטעריעלע הילף פאר רבנים וגדולי־התורה, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאנד. פערשטעהייט זיך, אז מיר שיקען זיי אויך מצות, אתרוגים, טליתים, ציצית, חומשים, מזוזות, סדורים א. אנד. דאס זיינען די וועגען פון דער הילף, וואס אונזער אינסטיטוציע לייסטעט און מיר ארבייטען פאר איהר ממש טאג און נאכט.

פאר דיביידע גרויסע צווייגען פון אונזער טעטיקייט־בויען פון דירות און „אוצר הפוסקים" — ווידמען מיר צווי בעזונדערע קאפיטלען.

הילפס קאמיטעט פון פערבאנד פון רבנים־פליטים

(פון רוסלאנד און אנדערע לענדער)

חשבון פון הכנסות

הכנסות		מיל פונט	מיל פונט (LP.)
א. שטיצע פאר רבנים:			
פון אמעריקע און קאנאדע	8208 . 222		
פון דזשוינט (אינסטיטוציע און פריוואטע)	6099 . 416	14307 . 638	
פון אפריקע		6688 . 731	
פון ענגלאנד		985 . 738	
פון אנדערע לענדער		1062 . 045	
פון ארץ ישראל		2704 . 151	25748 . 303
ב. פאר'ן „אוצר הפוסקים":			
פון דזשוינט		1305 . 418	
פון פערשידענע מנדבים:			
פון אויסלאנד		267 . 421	
פון ארץ ישראל		332 . 500	1905 . 339
ג. פאר דירות פאר רבנים:			
פון אמעריקע אין קאנאדע		5856 . 145	
פון ארץ ישראל		3979 . 930	
פון אנדערע לענדער		233 . 040	10069 . 115
סך-הכל פון הכנסות			37722 . 757
די הוצאות גרעסער פון הכנסות			5750 . 101
			43472 . 858

הרב שמואל קיפניס, מענעדזשער

הרב מאיר סטאלעוויטש, פרעזידענט

און הוצאות פאר'ן יאהר תש"ו (1945/46)

הוצאות

	מיל פונט	מיל פונט (LP.)
א. שטיצע פאר רבנים:		
שטענדיגע (מאנאטליכע) שטיצע	17958 . 528	
ערשטע שטיצע	1647 . 297	
צייטווייליגע שטיצע	1459 . 972	
הכנסת כלה	428 . 700	
מעדיצינישע הילף	1741 . 605	23236 . 102
ב. „אוצר הפוסקים":		
האנאראר און ארבייטס-לויהן	2031 . 500	
פאפיר פון דרוק	861 . 002	
אפיס הוצאות	82 . 403	2974 . 905
ג. דירות פאר רבנים:		
אינוועסטמענט און בנין	9450 . 201	
פלאנינג און וואך	1015 . —	
אדמיניסטראציע, אפיס, פראפגאנדע א. אנד.	1899 . 529	
קאמיסיאן	251 . 680	12616 . 410
ד. אלגעמיינע הוצאות:		
געהאלט און צייטווייליגער געהאלט	1386 . 968	
פאבליסיטי, און איינקאסירונג קבלות פנים, מיטינגען, קאמיסיאן א. אנד.	2705 . 309	
הוצאות פון אפיס	553 . 164	4645 . 441
		43472 . 858

איך האב רעווידירט די חשבונות פון הילפס-קאמיטעט פערבאנד פון רבנים-פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער אין ירושלים עיה"ק, צוזאמען מיט אלע דאקומענטען אין האב ערהאלטען אלע נויטיגע אויפקלעהרונגען, איך באשטעטיג אז דער חשבון פון הכנסות און הוצאות, ווי געזאגט אויבען, פאר'ן יאהר תש"ו, איז געמאכט געווארן געזעצליך און גיט א קלאהרן בילד פון דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אין יאהר תש"ו.

ב"ה, ירושלים, ד' כסלו תש"ז

שאול ראטמאן
אפיציעלער קאנטראלער פון חשבונות

ליסטע פון רבנים לויט די לענדער

פון פוילען	—	112
" דייטשלאנד און עסטרייך	—	60
" אונגארין	—	37
" רומעניע	—	16
" טשעכאסלאוואקי	—	14
" ליטע און לאטוויע	—	15
" תימן	—	6
" רוסלאנד	—	60
" אנדערע לענדער	—	13
בסך-הכל		333

די רבנים לויט זייער אלטער

און עלטער פון 40-50 יאהר	—	132
" " " 50-60 "	—	51
" " " 60-70 "	—	54
" אלטער פון 70 יאהר און העכער	—	96
בסך-הכל		333

די גרויס די משפחות פון די רבנים

93	משפחות פון 1 פערזאן	—	93	נפשות
98	" " 2 "	—	196	"
38	" " 3 "	—	114	"
35	" " 4 "	—	140	"
21	" " 5 "	—	105	"
15	" " 6 "	—	90	"
33	" " 7 פערזאן און מעהר	—	276	"
בסך-הכל 333	משפחות מיט	—	1014	נפשות

בריף פון „דזשאינט ד.ק." — אינספעקטאר אין ארץ־ישראל

ירושלים, ד' מנ"א תש"ו (1.8.46)

י. אריאל M. A.
שכונת תל ארזה
ירושלים

צום לייטער פון פערבאנד,
רבנים־פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער,
הרב ר' שמואל קיפניס,
ירושלים.

זעהר געעהרטער רב!

איך האב דעם כבוד צו דאנקען אייך פערזענליך פאר אייער פריינטליכער בעציהונג און גרויסער הילף אין מיין ארבייט, אין נאמען פון דזשאינט, אויסצופארשען די לאגע פון דער אינסטיטוציע, פון וועלכער איהר זייט דער טרייער פערוואלטער.

איך האב פולהארציג רעקאמענדירט דעם „פערבאנד פון רבנים־פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער" פאר דער פערוואלטונג פון „דזשאינט" און האב איבערגעשיקט, א פולען דין־וחשבון איבער אייערע פילע לייסטונגע לטובת די רבנים־פליטים אין ירושלים.

איך האב אונטערגעשטריכען דעם פאקט, אז ביי אייך ווערט קיין אונטערשיד געמאכט ביים אויסטהיילען שטיצע צווישען רבנים פון פערשידענע ריכטונגען. אלע זיינען גלייך ביי אייך און אלע געניסען פון דער שטיצע און הילף, וועלכע ווערט געגעבען פון דער קאסע פון אייער אינסטיטוציע. כ'האב באמת געפונען ביי אייך רבנים פון אלע לענדער, אפילו פון תימן. איך האב אויך אונטערשטראכען אלע ענינים, מיט וועלכע איהר בעשעפטיגט זיך, ווי: מאנאטליכע שטיצע, מעדיצינישע הילף, ערשטע שטיצע פאר איינארדענען זיך, גמילות־חסד קאסע, און די וויכטיגע צוויי צווייגען פון אייער ארבייט: **בויען דירות פאר רבנים־פליטים און דער „אוצר הפוסקים".**

מיט גרויס פארגעניגען האב איך אונטערצייכענט אייער מסירות־נפש אלס מענעדזשער פון דער אינסטיטוציע, אלס יענער וועלכער צענטראליזירט און פיהרט אן אלע ארבייטען מיט גרויס ענערגיע און פעהיקייטען.

איך האף, אז מיין רעפארט צום „דזשאינט" וועט ברייגען די פארטזעצונג און פארגרעסערונג — אויב דאס וועט זיין מעגליך — פון דער שטיצע צו אייער אינסטיטוציע.

מיט כבוד,

(—) י. אריאל

ועד העזרה
התאחדות הרבנים
פליטי רוסיא ושאר ארצות
בעיה"ק ירושלים תובב"א
ב"ה
כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים
כתר תורה
The Committee

תעודת חבר

צום אונדיינק פאר נדיבים

די פערוואלטונג פון אונזער אינסטיטוציע האט איינגעפירט פיינע מנהגים:

א. דער וואס צאהלט יעהרליך, ווערט פערשריבען אין פנקס החברה אלס חבר (מעמבער) און געניסט פון די פאלגענדע רעכט:

1. א טהייל פון רבנים זיינען מתפלל ביי די מקומות הקדושים (כותל מערבי א. אנד.) פאר'ן געזונט און לאנגלעבען פאר די וועלכע וואס שטיצען אונזער הילפס־קאמיטעט.

2. אין חודש אלול און ערב־פסח פאהרען א טהייל פון רבנים קיין חברון צו דער **מערת המכפלה** אין צום **קבר** פון **רחל אמנו**, דארט ווערען געזאגט תפילות און אזכרות נשמות פאר די נדיבים נאך הונדערט און צוואנציג יאהר.

3. און טאג פון ל"ג בעומר, פאהרען רבנים קיין מירון צום קבר פון **רבן שמעון בר יוחאי** און צום קבר פון **רבי מאיר בעל הנס** אין טבריא און זיינען מתפלל פאר'ן געזונט פון די נדיבים און פון זייערע פאמיליעס.

ב. יעדער איד, וועלכער איז מנדב א סומע פון העכער 100 דאלאר מיט אמאל, וועט נאך הונדערט און צוואנציג יאהר — געזאגט ווערען קדיש נאך זיין טויט, און מען וועט לערנען משניות לעלית נשמתו דעם גאנצען יאהר אין עס וועט אפגעהיט ווערען זיין יארצייט ביז דער גואל צדק וועט קומען.

ג. דער וואס וועט מנדב זיין א סומע פון 500 דאלאר מיט אמאל ווערט געלערנט ווערען משניות און קדיש וועט געזאגט ווערען דורך 10 ספעציעלע רבנים און תלמידי חכמים נאך הונדערט און צוואנציג יאהר דעם גאנצען יאהר און אויך דער יאהרצייט טאג וועט אפגעהיט ווערין עד ביאת הגואל.

וְהֵבֵאתִי אֹתָם וְשָׁכְנוּ בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלָם
(זכרי׳ ח. ח.)

כותל מערבי



דער פלאן פון די הייזער פאר דעם רבנים-קווארטל אין ירושלים

רעפּאַרט איבער הייזער — בוי
פאַר רבנים-פּליטים



די הייזער אין בויען

דעפּאַרטמענט פאַר בויען הייזער

דער פּלאַן פון בויען הייזער פאַר רבנים-פּליטים, איז שוין מעהר קיין חלום נישט, ס'איז אַ פאַקט!

מיר אַליין, די אָנפיהרער פון דער אינסטיטוציע, ווייסען נאָך נישט ווי דאָס איז געשעהען, ווי דער חלום איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רעאַליטעט; ס'איז נישט קיין קלייניקייט - 25 טויזענט פונט האָבען מיר שוין אינוועסטירט און דער דאָזיגער אַרבייט.

מיט 10 יאָהר צוריק איז דער פּלאַן פון בויען 100 דירות פאַר רבנים-פּליטים געווען ממש אַ חלום ווי געזאָגט, מיר האָבען אפילו קיין העזה נישט געהאַט צו ריידען וועגען דעם, טאָמער וועט מען אונז אויסלאַכען. מיר האָבען נישט געוואוסט אפילו ווי-אַזוי מען פאַנגט עס אָן. ס'טייטש: עס פעהלט אונז געלד פאַר דער מאַנאַטליכער שטיצע און פאַר אַנדערע הוצאות און פון וואַנענט וועלען מיר נעהמען די קאָלאָסאַלע סומען צו בויען אַ הויז?!

אָבער מיט דער הילף פון השם יתברך, איז אונז געלונגען אויסצולייזען פאַר'ן אידישען פאָלק אַ גרויסען שטיק באָדען אין צענטרום פון ירושלים, עיר דוד... אויפ'ן וועג פון תל-אביב קיין ירושלים, אויף אַ הויכען, שיינעם באַרג, נישט-ווייט פון דער שטאָטישער וואַסער - צענטראַלע, כמעט אויפין זעלבען פלאַץ וואו גענעראַל אַלענבי האָט אויסגעלייזט ירושלים פון די טערקען...

אַט-דאָ וועט אויפגעשטעלט ווערען די הערליכע געביידע פאַר תורה ותפלה; דאָס נייע, גרויסע הויז פאַר רבנים-פּליטים אין ארץ-ישראל.

דער בוי פון בנין מיט זיינע הונדערט דירות (יעדע דירה פון 2 צימער, אַ קיך און אַלע בעקוועמליכקייטען) מיט זיין גרויסען בית-מדרש פאַר תורה, מיט זיין בית-טבילה א. אנד. האָט זיך שוין אָנגעהויבען. רבנים-פּליטים וועלען

זיך נישט דארפען מעהר וואלגערן אין קעלערס און אין פינסטערע דאך-וואוי-נונגען, מען וועט קענען זאגען איצט: זעהט ווי דאס פאלק איז מכבד די תורה, זיינע רבנים און גדולים. זיי האבען א **בית לשם ולתפארת!**

צניעות׳דיג און שטילערהייד האבען מיר אנגעהויבען צו שפארען קליינע געלד-סומען פאר׳ן דאזיגען צוועק. ספעציעל זאל דערמאהנט ווערען צום גוטען דער מענעדזשער פון אונזער אינסטיטוציע הרב ר׳ שמואל קיפניס שליט״א וועלכער, איז דער פאטער פון דאזיגען געדאנק און האט זיך געווארפען אין דער ארבייט, טראץ די ספקות פון אנדערע עסקנים פון אונזער פערבאנד.

דער באדען אליין האט אונז געקאסט 10 טויזענט פונט און אין די ערשטע ארבייטען פון אויסהאקען די שטיינער און בעטאן-אויסגיסען פון די פונדאמענ-טען האבען מיר שוין אינוועסטירט 15 טויזענט פונט, מיר זיינען שולדיג געבליבען שוין איצט עטליכע טויזענט פונט, אבער מיר דערשרעקען זיך, נישט, מיר בויען ווייטער, מיר וועלען בויען ווייטער, בעזרת השם!

מיר האבען געהאט גענוג צרות, ביז דער באדען איז פערשריבען געווא-רען אויף אונזער נאמען, ביז די פלענער פון הויז זיינען בעשטעטיגט געווארען, אבער, ברוך-השם, ס׳איז שוין אלץ און ארדענונג, מיר בויען שוין.

אונזער תפלה איז, אז מיר זאלען דערלעבען צו זעהן דעם הויז שוין פארטיג, מיר זאלען מאכען א פייערליכען חנוכת-הבית. ליידער: **עס פעהלט נאך זעהר-פיעל געלד!** נישט ווייניגער פון 80-70 טויזענט פונט! מיר ווענדען זיך צו די נדיבים פון אונזער פאלק אין האפען אז דאס פרעכטיגע הויז וועט אינגיכען שוין שטייהן אויסגעבויט, צו דער פרייד פון גאנצען אידי-שען פאלק.

מיר מוזען דערמאהנען די אינסטיטיושאן „עזרת תורה״ פון אמעריקע, מיט איהר נשיא הרה״ג ר׳ ישראל קראנענבערג שליט״א וועלכער האט אונז איבער-געשיקט 1400 פונט, כדי צו נעמהען א חלק אין איינקויפען דעם באדען. „עזרת תורה״ האט אויך צוגעזאגט צו בויען זיבען דירות אויף איהר נאמען.

מיר פרייען זיך אויך צו אונטערשטרייכען די בעטהייליגונג פון אידישען ישוב פון ארץ-ישראל, וועלכער האט געשפענדעט א סומע פון 5000 פונט ביז יעצט.

מיר דארפען דערביי ווידער דערמאהנען די וויכטיקייט פון בויען דאס גרויסע הויז פאר די רבנים וואס צוליב דעם זיינען די חשוב׳ע רבנים **הרב קלמעמעס און הרב קיפניס** אפגעפאהרען קיין אמעריקע כדי זיך צו ווענדען צו אלע נדיבים פון אידישען פאלק און אויפקלעהרען זיי די גרויסקייט פון דער מצוה — סיי פאר די רבנים-פליטים און סיי פאר אונזער אינסטיטוציע. דורך דעם בוי פון הייזער פאר רבנים-פליטים, וועלען מיר נישט זיין געצוואונגען ארויסצוווארפען געלד פאר „שליסעל-געלד״ און מיר וועלען קענען געבען א בכבוד׳יגען דאך איבער׳ן קאפ פון די רבנים וועלכע האבען זיך געראטעוועט פון ארצות-הגזירה.

אויפרוף פון רבנים, אדמורי"ם און גדולי־הדור
לטובת דעם היים פאר רבנים־פליטים אין ירושלים

הרב הרצוג

הרב עוזיאל

טייערע ברידער,

א מבול פון בלוט און פייער האט פארגאסען די צענטרען פון אונזער לעבען אין אייראפע, האט פערניכטעט די שטערנס פון גלות, גייסטיגע מנהיגים פון ישראל, רבנים וגאונים, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו פערלאזען זייערע נעסטען און א קליינער טהייל פון זיי איז אנגעקומען, צובראכענע און פערוואונדעטע, קיין ארץ-ישראל.

בפרט איז שרעקליך זייער לאגע אין פראגע פון דירות. זיי וואלגערן זיך כמעט אויף די גאסען און ס'איז שרעקליך זיך צוצוקוקען צו זייערע ליידען. **„גם צפור מצאה בית"** אויך א פייגעלע, האט געפונען א וואוינונג פאר זיך... און טרייע רבנים ליידען פון דאכלאָזיקייט ס'איז ממש סכנת-נפשות פאר רבנים-פליטים, נעכטיגע גדולים.

איז עס א הייליגער און נאבעלער געדאנק פון די פערוואלטער און עסקנים פון **"הילפס־פערבאנד פון רבנים־פליטים** פון רוסלאנד און אנדערע לענדער" צו בויען הונדערט דירות פאר די רבנים-פליטים. זיי זיינען אריין אין גרויסע חובות געגעבען משכנ'ס, גענומען אויף זיך א גרויסע אחריות, האבען געקויפט דעם באדען אין א שיינעם ווינקעל פון ירושלים און די ארבייט גייהט אָן.

זאל דערפאר יעדער איד און דער גאנצער וועלט וויסען, אז ס'איז א הייליגע אויפגאבע זיך צו בעטהייליגען און דער דאזיגער גרויסער לייסטונג, מיט געלט, מיט ציגעל, מיט בויען א צימער אָדער א דירה אויף זיין נאמען!

זאל יעדער איינער טאהן זיין אויפגאבע, זאל יעדער איינער שפענדען לויט זיין מעגליכקייט און דער **רבנים קווארטאל** וועט באלד אויפגעשטעלט ווערען — עס זאל א מקום-מנוחה פאר תורה-פרינצען, וועלכע האבען אויפגעהאלטען לאנגע יאהר דאס פייערל פון דער תורה אין זייערע קהלות.

מיר גריסען אונזערע קינדער־בויער. מיר בענטשען אלעמען בזכות התורה און בזכות פון בויען די חורבות פון ירושלים און מיר וועלען זוכה זיין צו זעהן נחמות וישועות ובית ה' נכון בהר מרום הרים בבלצ"ג בב"א.

(—)	(—)
יצחק־אייזיק הלוי הערצאג	**בן־ציון מאיר חי עוזיאל**

הרבנים הראשיים לארץ ישראל

ב״ה, ירושלם עיה״ק ת״ו, י״ג חשון תש״ה

הרב דושינסקי

כ׳בין געווען צופרידען, ווען מען האט מיר געזאגט, אז די הרה״ג, מנהלים פון „**הילפס פערבאנד פון רבנים־פליטים** פון רוסלאנד און אנדערע לענדער״ שליט״א, הויבען אָן צו בויען בע״ה א רייהע הייזער פאר רבנים-עולים, וועלכע זיינען לעצטענס אנטלאפען פון גלות און האבען זיך געראטעוועט אין הייליגען לאנד. כ׳בין געווען העכסטנס צופרידען הערענדיג, אז זיי איזגעלונגען צו קויפען א פיינעם, ברייטען פלאץ ביי ירושלים עיה״ק און זיי גייען באלד אנהויבען די ארבייט.

זאג איך צו די ארבייטער — יישר כוחם וחילם פאר דער תורה און אויסהאלטער פון איהרע חכמים. און אויך איך בין דאָ צו העלפען - בפרט אין איצטיגען מאמענט, ווען דאס פראבלעם פון דירות איז זעהר א שווערע און רבנים-עולים מוזען זיך וואלגערן פון איין ארט אויף א צווייטען, ווייל מען קען נישט צאהלען די גרויסע סומען פאר איינגע וואוינונגען.

בעט איך דערפאר פון יעדען טייערן אידישען הארץ, בפרט פון יענע וועלכע זיינען מכבד רבנים, צו העלפען מיט געלד און כוחות צום אויפבוי פון די דירות פאר רבנים-פליטים ווי אַמשנעלסטען.

דער זכות פון אויסהאלטען גדולי-התורה, וועלכע נויטיגען זיך וועט בע״הביישטייהן אלע מנדבים ׳ להתברך בכל-טוב ולראות בישועת ישראל ובנין אריאל.

כעתירת המבקש לכבוד התורה ולומדיה

(—)

יוסף־צבי דושינסקיא

(רב ראשי לאגודת ישראל בארץ־ישראל)

אויפרוף צו דער אידישער וועלט

איהר ווייסט אפשר, **ווי שרעקליך און ביטער איז די לאגע פון רבנים־פליטים,** וועלכע זיינען לעצטענס אנגעקומען פון ארצות-הגזרה קיין ארץ ישראל, **בפרט צוליב דער איינגקייט אין דירות.** ס׳טהוט וויי דאס הארץ, ווען איהר זעהט רבנים וגדולים, וועלכע זיינען פריהער געווען אנפיהרער פון גרויסע קהלות אין גלות - ווי זיי האבען איצט קיין דאך איבער׳ן קאפ.

דערפאר דארף בעדאנקט ווערען דער **„הילפס־פערבאנד פאר רבנים־פליטים** פון רוסלאנד און אנדערע לענדער״ וועלכע האבען בעשלאסען אזא גוטע זאך, ווי בויען הייזער פאר רבנים און זייערע משפחות, כדי זיי זאלען קענען רוהיג פארטזעצען זייער תורה-לעבען, למען הרבות כבוד שמים.

ס׳איז די אויפגאבע פון דער גאנצער אידישער וועלט, פון נדיבים אין פילאנטראפען, צו העלפען אויספיהרען אט-די גרויסע לייסטונג מיט פיינע און ברייטע נדבות. מיר בעטען זעהר אונזערע ברידער צו העלפען מיט אלע זייערע קרעפטען פאר אט-דער גרויסער מצוה **פון בויען דירות פאר רבנים,** וואס מוז געטאהן ווערען אמשנעלסטען.

ד׳ ישראל וועט העלפען אלע העלפער ויזכו לראות בהרמת קרן ישראל בגאולתו השלמה בב״א.

אברהם מרדכי אלטר
(גורער רבי)

אליעזר בהח״צ **מוהר״ר** זצללה
(וויזניצער רבי)

ברוך ראבינאוויטש
(מונקאטשער רבי)

ישראל במו״ה **מרדכי פייבש**
(חוסיאטינער רבי)

נחום מרדכי במוה״ר **ישראל** זצ״ל
(טשארטקאווער רבי)

ישראל במוהר״ר **יצחק** זצ״ל
(בויאן-לייפציגער רבי)

אברהם יעקב במוהר״ר **ישראל**
(סאדיגורער רבי)

מרדכי שלום יוסף במוהר״ר **אהרן**
(סאדיגורה-פשעמישלער רבי)

צבי אריי׳ טברסקי במוהר״ר **מרדכי יוסף** זצ״ל
(זליטיפולער רבי)

הק׳ **אהרן רוקח** מבעלזא
(בעלזער רבי)

מרדכי רוקח
באאמו״ר מבעלזא זצוקללה״ה
(בילגורייער רב)

אברהם דב בהרמ״נ זצוקלל״ה
(ראחמיסטריווקער רבי)

דוד בהרה״צ מוהר״ר **מנחם נחום** זצוקללה״ה
(ראחמיסקריווקער רבי)



גורער רבי



הוסיאטינער רבי



דער גענוי פלאן פון 2 דירות

תקנות פאר מנדבים און כלל־טהוער לטובת דעם „קווארטאל פאר רבנים-פליטים" אין דער הייליגער שטאדט ירושלים

א. ווער ס'איז מנדב 5 פונט (20 דאלאר) וועט האבען א חלק אויפ'ן פלאץ פון דעם קווארטאל.

ב. ווער ס'איז מנדב 25 פונט (100 דאלאר) וועט האבען א זכות אויף א פענסטער פון די הייזער און זיין נאמען וועט אויסגעקריצט ווערען אויפ'ן פענסטער פאר אייביגען אנדיינק.

ג. ווער ס'וועט מנדב זיין 50 פונט (200 דאלאר) וועט האבען א זכות אויף א טהיר פון די הייזער און זיין נאמען וועט אונסגעקריצט ווערען, אויף אייביג, אויף דער טהיר.

ד. ווער ס'וועט מנדב זיין 100 פונט (400 דאלאר) וועט האבען א זכות אויף א וואנט פון די הייזער און זיין נאמען וועט פערצייכענט ווערען, אויף א בעזונדערן טאפעל, אויף איינער פון די ווענט פון דער געביידע, לזכרון עולם.

ה. ווער ס'איז מנדב 300 פונט (1200 דאלאר) וועט האבען א זכות אויף א צימער פון די הייזער און זיין נאמען וועט אויסגעקריצט ווערען אויף א מארמאר – טאפעל אין דאזיגען צימער, אויף אייביגען אנדיינק.

ו. ווער ס'וועט מנדב זיין 600 פונט (2400 דאלאר) וועט האבען א זכות פון א דירה פון 2 צימער אין די הייזער פון קווארטאל, און זיין נאמען וועט אויפגעשריבען ווערען אויף א בעזינדערן מארמאר־טאפעל אין יענער דירה פאר אייביגען אנדיינק.

ז. די נעמען פון אלע מנדבים וועלען פערצייכענט ווערען און אן עהרען–בוך און אין בעשטימטע טעג (שבתים און יום־טובים) וועט מען מאכען א „מי־שברך" לכבוד די מנדבים. נאך אריכת ימים ושנים, וועט געזאגט ווערען „קדיש" און מען וועט אפריכטען יאהרצייטען נאך די נפטר־געווארענע מנדבים, לויט בעשטימטע תקנות.

ח. כלל־טהוער און שטענדיגע גבאים וועלען באעהרט ווערען מיט זכויות לויט זייער ארבייט און אויפטהוען לטובת דעם הייליגען ענין.

ט. יעדער מאן און פרוי, וועלכע וועלען מנדב זיין פאר דער געביידע, קענען זיין זיכער, אז זייערע וואונשען וועלען געטריי אויסגעפיהרט ווערען און די פערוואלטונג וועט גענוי אוספיה־רען די בעדינגונגען פון די מנדבים.

דער פייערונגען פון לייגען דעם גרונט־שטיין פון קווארטאל פאר רבנים־פליטים אין ירושלים.

די פייערליכקייט פון לייגען דעם גרונט־שטיין פון קווארטאל פאר רבנים־פליטים אין ירושלים

די פייערליכע צערעמאניע איז פארגעקומען דאנערשטאג, כ"א אלול תש"ה (דעם 30.8.45) אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסען עולם.

אונזער אינסטיטוציע האט זוכה געווען צו סימפאטיע פון אלע קרייזען און קלאסען פון ארץ-ישראל ישוב און מען האט עס דייטליך געקענט זעהן בשעת דער פייערליכקייט, צו וועלכער ס'זיינען געקומען פערזענליכקייטען פון אלע טהיילען פון ישוב, פון אלע געמיינדעס, אלטע אדמורי"ם צוזאמען מיט בויער פון נייעם א"י, רבנים און ראשי ישיבות ביי דער זייט פון בעאמטע, סוחרים און ארבייטער, רבנים פון דער „אגודה" און רבנים פון „כנסת ישראל": תימנ'ער און ספרדישע חכמים זיינען געזעסען צוזאמען מיט אשכנזישע רבנים און ישיבה-בחורים—און האבען אנטהייל גענומען אין דער שמחה און מצוה פון לייגען דעם גרונט-שטיין.

איבער דער ביהנע, מיט א געדעקטען טיש, איז געהאנגען א לאנגע אויפשריפט: „המפעל לשיכון רבנים—פליטים של התאחדות הרבנים פליטי רוסיא ושאר ארצות".

דאס גרויסע פובליקום איז געזעסען אויף לאנגע רייהען פון ביינק. ביי דער ביהנע זיינען געשטאנען די רבנים פון ישוב און אלע וויכטיגע פערזענליכקייטען, צווישען זיי: די רבנים ראשיים פון ארץ-ישראל הגרי"א הערצאג און הגרב"צ עוזיאל, הרב הגאון רב ראשי פון אגודת-ישראל ר' יוסף צבי דושינסקי שליט"א, דער רב ראשי פון תל-אביב הגרי"א טאלעדאנא, הראב"ד ר' יעקב קלעמעס, הגרא"ז מעלצער, הרה"ג ר' יוסף לוי, הרב י. סרנא דער ראש-ישיבת „חברון", הרה"ג ר' יוסף-גרשון הורביץ, הרב ר' חזקיהו יוסף מישקאווסקי ז"ל, (דער קרינקער רב) הרב משה בלוי ז"ל, הרש"ד כהנא, געוו. ראב"ד פון ווארשא און איצט רב פון דער אלט-שטאדט פון ירושלים, הרב ש. וועבער (סעקרעטאר פון רבנות-הראשית) דעלעגאטען פון „מזרחי" פון „הפועל המזרחי", פון מרכז „אגודת ישראל", דער דיסטריקט-אפיסער מ̇ר קיסעלאוו און פילע אנדערע.

ביי א צווייטען טיש זיינען געזעסען אלע בעריהמטע אדמורי"ם: פון הוסיאטין, פון סאדיגורע, פון בוהוש, דער רב פון בולגורי (אין נאמען פון זיין ברודער, דעם בעלזער רב) האדמו"ר פון רחמיסטריבקה א. אנד. ארום זיי זיצען די פני העיר: ה' ד. אָסטער (בירגערמייסטער פון ירושלים) דער כלל-טהוער ה' אהרן חיות וועלכער איז פארזיצענדער פון אונזער בוי-קאמיטעט, ה' י. ד. מאן, ה' מרדכי פעלדמאן, ה' גינזבורג פון תל-אביב, הרב שיף פון ירושלים און פילע אנדערע נכבדים.

די פייערונג ווערט געעפענט דורך הרב א. קירשטיין, רב פון עפולה. ער זאגט צוו. אנד.

„די שווערע אויפגאבע, וועלכע דער „הילפס-פערבאנד פון רבנים-פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער" האט גענומען אויף זיך, איז א גרויסע און הייליגע. יעדער איינער דארף עס פיהלען אלס חוב צו העלפען, אזוי אז די געביידע זאל וואס-שנעלער אויפגעשטעלט ווערען. מען טאר נישט אָפּ-

לייגען דעם ענין אפילו אויף איין מא-
מענט. ווייל עס האנדעלט זיך אין גורל
פון גדולים וקדושים, תלמידי-חכמים,
גאונים וצדיקים, וועלכע האבען געאפפערט
זייער לעבען פאר דער תורה און
געפינען זיך איצט צווישען אונז נאך
לאנגע יסורים און וואלגערנישען. מען
טאר נישט דערלויבען, אז זיי זאלען
בלייבען חס-ושלום אהן א דאך איבער'ן
קאפ... זאל יעדער איינער פון אונז
אנטהייל נעהמען אין דער הייליגער
ארבייט, לויט זיינע מעגליכקייטען.

דער רב־ראשי פון א"י הגרי"א הערצאג האט צוו. אנד. געזאגט:

„מורי ורבותי! יעדען מאנטאג און
דאנערשטאג זיינען מיר מתפלל „יהי
רצון לקיים בנו חכמי ישראל — הלואי
זאלען מיר קענען אויסהאלטען רבנים
און תלמידי-חכמים - וואס הייסט עס?
דאס הייסט, אז חכמי ישראל זיינען די
נשמה פון אידישען פאלק, און דאס פאלק
ישראל קען נישט אויסקומען אָהן חכמי
ישראל. אפשר קען אן אנדער פאלק
אויסקומען אהן געלערנטער אהן מאטע-
מאטיקער און פיזיקער און כעמיקער,
אבער דאס אידישע פאלק קען קיין
פלאץ נישט האבען אין דער וועלט אהן
חכמת ישראל, וואס הייסט: חכמי-התורה.

... מיר האבען ב"ה א צאהל
רבנים גדולי-התורה, חכמי ישראל,
וועלכע זיינען אנטלאפען פון רשעים
און זיך געראטעוועט אין ציון. אבער:
ווי לעבען זיי דא? ס'איז א חרפה
און א שאנדע פאר אונז, וועלכע זיינען
מתפלל: „יהי רצון מלפניך לקיים בנו
חכמי תורת ישראל... וואס טהוען מיר
כדי אויסצוהאלטען די חכמי-ישראל צווי-
שען אונז? ...צווישען די רבנים-פליטים
און ארץ ישראל זיינען פארהאן גאונים
וצדיקים, גדולי הדור, ווי לעבען זיי?
וואו איז דער דאך איבער זייער קאָפּ? ווי לעבען זיי אין נאסע קעלער
און ווי זיינען זיי זיך מפרנס אין די
דאזיגע קעלער?...

... ווי קענען עקזיסטירען די ישיבות, ווען די ישיבה־בחורים זעהען אז רבנים גייען אויס פון הונגער און דער עיקר—ווי רבנים וואלגערן זיך אין קעלער און ווערען דארטען געפעהרליך קראנק. וועט אזא לאגע געבען מוט אונזערע בחורים צו לערנען תורה אין ישיבות, צו ווערען רבנים?

דערפאר, רבותי, איז אזוי גרויס
און הייליג דער חוב וועלכער ליגט אויף
יעדען איינעם פון אונז, אויף אונז
אלעמען, צו שטיצען דעם אויפטהו פאר
בויען דירות פאר רבנים-פליטים, די
לעצטע חכמי-ישראל פון גלות, יענע
וועלכע האבען געלייגט דעם פונ-
דאמענט פון אונזער גרויסער און היילי-
גער פערגאנגענהייט, פון דער הימלישער
נבואה פון אידישען פאלק.

די הייזער פאר רבנים זיינען נישט
קיין איינפאכע הייזער, נאר בתי-מקדש.
מיר לייגען דאָ א גרונט־שטיין פאר אונזער בית־המקדש, די
גאלדענע קייט פון דער תורה זאל זיך
ווייטער ציהען פון די צייטען פון משה
רבנו און ביז היינט... פון אט-די הייזער
וועט ארויסגייהן תורה פאר ציון און
פון ציון — צום גאנצען אידישען פאלק...

הרב הראשי, ראשון לציון ב"צ מאיר חי עוזיאל האט געבענטשט די

ארבייט און זיך אפגעשטעלט אין א לאנגער רעדע אויף דעם חורבן פון אידישקייט און פון תורה-צענטרען אין אייראפע. ער האט צו געגיבען:

„דאס הויז פאר רבנים-פליטים אין ירושלים, וועט זיין אן עהרען-מצבה און אן אייביגער אנדיינק פון יענער שרעקליכער שעה, וועלכע האט פינסטער געמאכט אונזער לעבען... איך בין מברך דעם קאמיטעט פון רבנים-פליטים פאר זייער גרויסען געדאנק צו בויען הייזער פאר רבנים פון גלות, ווייל דעם כבוד פון תלמידי-חכמים איז דער כבוד פון דער תורה אליין. זאלען אידען איבער דער וועלט מנדב זיין פאר'ן גרויסען בנין — „בית גדול" זאגען רבותינו איז א הויז וואו מען ערציהט תורה ותפלה".

אין נאמען פון **רב דושינסקי — דער רב פון אגודת ישראל** וועלכער האט נישט געקענט ריידן צוליב זיין שוואכקייט—האט געבראכט א ברכה הרב מ.ח. אונגער, רב פון לאקענבאך (בורגלאנד) וועלכער האט, מיט ווארימע און הארציגע ווערטער, געבענטשט די לייטונג פון אונזער אינסטיטוציע, מיר זאלען אינגיכען זוכה זיין צו קומען אויף דעם חנוכת-הבית.

הרב ש. י. זעווין, פון פערוואלטונג פון אונזער הילפס-קאמיטעט, גיט אָפּ א רעפארט:

חשוב'ע רבנים ראשיים, מרנן ורבנן, חשוב'ער עולם!

אין נאמען פון הילפס-פערבאנד פון רבנים-פליטים פון רוסלאנד און אנדערע לענדער, האב איך דעם כבוד צו בעגריסען דעם חשוב'ען עולם, וועלכער האט בעוויליגט צו קומען אנטהייל נעהמען אין גרויסען מאמענט פון לייגען דעם גרונט-שטיין פאר די דירות פאר רבנים-פליטים פון גלות. דער חלום איז געווארען א רעאליטעט. אונזער שטרעבונג ווערט דערגרייכט. דירות און הייזער פאר רבנים-פליטים, געראטעוועטע פון שחיטות—דאס איז געווען אונזער ציעל זייט דעם מאמענט. ווען מיר האבען אנגעפאנגען צו שטיצען רבנים-פליטים. מיר האבען זוכה געווען. מיר לייגען דעם גרונטשטיין.

א דרייפאכיגע אויפגאבע שטייהט פאר אט-דער לייסטונג: די געביידע, דער קנין, די אינסטאלירונג פון די רבנים-פליטים.

די געביידע — אין אט-דעם וויסטען פלאץ, וועט בענייט ווערען א חורבה פון ירושלים. צוויי טויזנט יאהר האבען מיר געבויט אין דערלופט, אויף זאמד, אהן פעסטע באדען אונטער אונזערע פיס, געוואנדערט מגוי אל גוי; אין יעדען פלאץ האבען מיר געבויט און יעדע ווינד פלעגט אונז ארויסרייסען און פערטרייבען... צוזאמען מיט קוהלת קען דאס אידישע פאלק זאגען: „הגדלתי מעשי, בניתי לי בתים" א. א. וו. איך האב געבויט הייזער און אלץ איז אוועק מיטן ווינד.. פרעמדע האבען צוגערויבט אונזער פארמעגען... דא, אין ארץ-ישראל, בויען מיר נישט אין דער לופט, נישט אויף זאמד, דא איז אונזער מנוחה אויף אייביג. בעזרת-השם, דאס וואס מיר בויען דא, וועט שטייהן ביז אונזער גואל צדק וועט קומען במהרה בימינו. קיין שום קראפט אין דער וועלט, קען אונז נישט פארפירען פון אונזער לאנד. זיי קענען חרוב מאכען—מיר וועלען ווייטער בויען... אויב אלע מאל איז גרויס די מצוה פון צוריקבויען די חורבות פון ירושלים, איז אודאי גרויס די דאזיגע מצוה אין איצטיגען מאמענט.

דער קנין—דאס איז אייגענטליך די מצוה פון ישוב ארץ-ישראל: „וירשתם אותה וישבתם בה" און דער רמב"ם און די פוסקים זאגען, אז דאס איז א מצות-עשה פון דער תורה. צוויי טהיילען האט די מצוה: וואוינען אין ארץ-ישראל אין א דירה: ירושה — דאס איז דער קנין. איז עס א מצוה פאר יעדען איינעם: ער זאל האבען א קנין, א געקויפטען באדען, אין ארץ-ישראל. דא קען יעדער איינער פון אונזער פאלק אנטהייל נעמען אין אויפבוי פון ארץ-ישראל.

און דריטענס — **די אינסטאלי־רונג**, דירות פאר אָבדאכלאזע. גרויס איז די נויט אין דירות אין א"י בכלל, אבער גרעסער איז די נויט פון דירות־לאזע רבנים-פליטים וועלכע זיינען געקומען צו אונז פון גיהנום ממש... וואס ווייסט איהר, וועגען די ליידען פון די דאזיגע רבנים? ווי-אזוי זיי לעבען? דער הילפס פערבאנד פאר רבנים-פליטים שטיצט זיי מיט א קליינער שטיצע, אבער ס'איז א שטענדיגע און זיכערע שטיצע, יעדען מאנאט ווערען געשטיצט איבער 300 פאמיליעס פון רבנים-פליטים און דאס נעהמט צו העכער 1.500 פונט מאנאטליך, וואס ווייסט איהר, ווי שווער און ביטער עס איז אויפצו־זאמלען די דאזיגע סומע, ווי גרויס אונזערע שולדען זיינען שוין?... און איצט איז געקומען די גרויסע אויפגאבע: דירות פאר רבנים-פליטים, תושבים פון ירושלים, עס זאל זיין, בך יחסו עניי עמי יחד עם ונבנתה העיר על תלה.

דער פלאץ, וואס איהר זעהט דא, איז שוין ב"ה בעצאהלט געווארען. ער האט אונז געקאסט 10 טויזענט פונט. מיר בענטשען אונזערע ברידער פון „אגודת הרבנים" אין אמעריקע, די אינסטיטוציע „עזרת תורה", וועלכע האבען זיך פערפליכטעט צו בויען אויף זייער חשבון 7 דירות און האבען אונז געשיקט די ערשטע הילף פון 1400 פונט צו בעצאהלען פאר'ן באדען. מיר האבען ב"ה בעצאהלט די 10.000 פונט. אונזער פלאן איז צו בויען 100 דירות. יעדע דירה פון 2 צימער. אויף דעם היינטיגען גרונטשטיין וועלען אויסגעבויט ווערען 50 דירות, וועלכע וועלען אונז קאסטען העכער 40 טויזענט פונט, און ב"ה, פון די 40 טויזענט פונט פעהלט אונז „נאר" 39 טויזענט פונט... נישט מעהר... נאר, ס'מאכט נישט אויס: די געביידע וועט אויפגעשטעלט ווערען בע"ה. מיר זיינען נישט קיין סוחרים, קיין פראקטישע מענשען. מיר זיינען נאר תלמידי-חכמים, אפשר בטלנים. נאר די בטלנים וועלען נישט רוהען און נישט שווייגען, ביז דער בנין וועט געענדיגט ווערען. דורך אזעלכע „בטלנים" איז אויסגעבויט געווארען כמעט גאנץ ירושלים: מאה שערים, בית-ישראל א. אנד. זאלען די איינוואוינער פון ירושלים אויך אנטהיילנעהמען אין דעם בנין — יעדער איינער זאל קויפען א שטיקעל באדען פון דעם פלאץ ווי אונזערע רבנים ראשיים האבען געזאגט: ווער מיט געלד, ווער מיט שטיינער און ציגעל, ווער מיט צימערן — זאלען העלפען, מיט 300 פונט קען יעדער איינער קויפען א צימער אויף זיין נאמען, ס'קען אויך זיין ווייניגער, נאר א טהייל פון קנין וועט ער פארמאגען. איהר האט די מעגלכקייט זיך צו בעטהייליגען אין דעם חוט המשולש און מיר האפען בע"ה, אז אזוי וועט טאקי זיין אויך. ווי געזאגט אין פסוק: „בונה ירושלים ה', נדחי ישראל יכנס".

עס האבען נאך בעגריסט דער רב ראשי פון תל-אביב רבי טאלעדאנא, דער סלוצקער גאון הגרא״ז מעלצער, הרב ווערטהיים ז״ל אין נאמען פון „מזרחי״, הרב הגרש״י הילמאן שליט״א (דער שווער פון רב ראשי) הרב הגר״י קלעמעס און ר׳ שלמה זלמן מאזעס אין נאמען פון „אגודת ישראל״. אלע האבען אונטערשטראכען די וויכטיקייט פון נייעם אויפטהו און אויפגעפאדערט דעם עולם צו העלפען און שטיצען דעם בנין פאר רבנים-פליטים.

הרב ח. י. מישקאווסקי ז״ל (קרינקער רב) ברייננגט א ברכה אין נאמען ועד הישיבות:

הרב מישקאווסקי ז״ל

חשוב׳ע רבנים ראשיים, רבנים פון ארץ-ישראל, ווערטער עולם!

אין נאמען פון „ועד הישיבות״ האב איך דעם כבוד צו בעגריסען דעם גוטען אנפאנג פון בויען דעם גרויסען הויז פאר רבנים. דאס ציעל פון „ועד הישיבות״ איז צו העלפען בני-ישיבות מאטעריעל, אבער אויך גייסטיג מוזען מיר זיי העלפען. ווייל אויב א ישיבה-בחור הונגערט אמאל אונטער, וועט ער דערפאר נישט פערלאזען די ישיבה; ווען ער וועט אבער זעהן, ווי בעריהמטע רבנים, וועלכע זיינען אלט אין תורה און חכמה קומען אן קיין א״י און וואלגערען זיך אין איינגע נאסע צימערלאך — קען עס האבען א שלעכטער איינפלוס אויף דעם יונגען דור פון ישיבה-לייט. זיי קענען זיך פרעגען; איז דאס די תורה און דאס איז איהר שכר? דערפאר האלט דער „ועד הישיבות״, אז דער בוי פון א הויז פאר רבנים, וועט אויפמונטערן און שטארקען דעם גייסט פון די יונגע בני-ישיבה, וועלכע וועלען זעהן, אז ס׳איז יאָ פאראהאן א שכר פאר זייער צוקונפט.

האב איך, אין נאמען פון הילפס-פערבאנד פאר רבנים און בני-ישיבות. צו מאכען די פאלגענדע מעלדונג: מיר זארגען פאר רבנים און ישיבה-לייט אין סיביר און אין ווייטען מזרח. אין יאפאן געפינען זיך 20 משפחות פון גרויסע רבנים און אדמורי״ם, אויסער בחורים פון דער ישיבת-מיר, וועלכע גרייטען זיך צו קומען קיין ארץ-ישראל; אין סיביר געפינען זיך צעהנדליגער רבנים און אדמורי״ם און מיר דארפען זיי ברינגען קיין ארץ-ישראל. אין נאמען פון די אלע דאזיגע צווייטע און צושפרייטע רוף איך צו פערשטארקען די אקציע פאר׳ן בנין, כדי עס זאל זיין פלאץ אויך פאר יענע רבנים, וועלכע וועלען אינגיכען אנקומען קיין ירושלים.

יהי כבוד ה׳ עליכם ומעשי ידיכם יכונן, אמן סלה!

ה׳ אָסטער, דער עקטינג בירגער-מייסטער פון ירושלים, האט ווארעם בעגריסט דעם „הילפס-פערבאנד פאר רבנים-פליטים״ און גערופען דעם עולם צו העלפען בויען דעם רבנים-קווארטאל אין דעם הייליגער שטאדט.

ה׳ א. חיות, דער פארזיצענדער פון בוי-קאמיטעט, האט אנגעהויבען די געלט-זאמלונג מיט ווארעמע ווערטער און אליין געמעלדעט, אז ער שפענדעט דעם בוי פון 2 צימער. אויך ה׳ מאן און ה׳ אסטער האבען מנדב געווען 1 צימער יעדער איינער.

אנדערע מנדבים:

נאכדעם ווי ס׳זיינען פאר געליי-ענט געווארען די צאהלרייכע וואונש-טעלעגראמען און בריף פון אינסטיטוציעס און כלל-טהוער, האט דער מנהל פון „הילפס-פערבאנד" הרב ר׳ שמואל קיפניס איבערגעלייענט די **מגילת-היסוד** וועלכע ווערט ארייגעלייגט אין דעם פונדאמענט פון הויז.

נאך דער פייערליכער צערעמאניע, איז דער גאנצער חשוב׳ער עולם ארויס אין ענטהוזיאסטישען טאנץ, וועלכע, האט געדויערט ביז ביינאכט.



דאס הויז ווארט און האפט גיענדיקט ווער׳ן...

די אקציע פון

"אוצר הפוסקים"

די פערוואלטונג פון "הילפס-פערבאנד פאר רבנים-פליטים". נאך יאה-רען פון פארבערייטונגען און שווערע אנשטריינגונגען, האט איצט גליקליך געענדיגט דעם ערשטען באנד פון "אוצר הפוסקים" אופ'ן שלחן ערוך — אבן העזר (סימן א—ז) מיט א פאר מאנאטען צוריק איז ער שוין ערשינען און געפינט זיך אין פארקויף.

רוהיג אין צניעות'דיג האבען מיר אנגעהויבען די דאזיגע גרויסע אקציע. מיר האבען זיך כמעט נישט געווענדעט צום ברייטען פובליקום ווענען שטיצע און הילף. מיר זיינען נישט געווען זיכער אין ערפאלג פון דער ארבייט, וועלכע איז פארגעלייגט געווארען דורך דעם רב ראשי פון א"י הרב הגאון ר' י. א. הערצאג שליט"א און הגאון ר' איסר זלמן מעלצער שליט"א. מיר האבען אנגע-פאנגען די ארבייט בחדרי-חדרים, עס זאל חלילה קיין עין-הרע נישט זיין...

"אוצר הפוסקים", ווען ער וועט געענדיגט ווערען בע"ה, וועט מיט זיך פארשטעלען דעם גרעסטען פראקטישען תורה-ווערק, וועל-כעס איז געשריבען געווארען פאר די לעצטע יאהרהונדערטער. און יעדער רב און מורה-הוראה וועט איהם דארפען בענוצען, כדי דא געפינען די לעזונג אויף יעדער שאלה, א פסק-דין און א פראקטישען ענטפער אויף יעדען רעליגיעזען פראבלעם.

פאר דער דאזיגער קאלאסאלער ארבייט האבען מיר אויסגענוצט די פעהיקייטען פון בעריהמטע רבנים-פלי-טים, וועלכע האבען זיך נישט בענו-גענט נאר מיט לערנען תורה פאר זיך. זיי האבען געוואלט, אז אויך אנדערע זאלען געניסען פון זייער ארבייט.

אויך אונזער בעזונדערע לאגע אין ארץ-ישראל האט אונז פערפליכטעט צו אט־דער ארבייט. די בתי-דין פון א"י (רעליגיעזע קאורטס) האבען, לויט א קעניגליכען בעפעהל, ברייטע רעכט צו משפט'ען — ברייטערע רעכט, ווי יענע וואס א בית-דין האט געהאט אין גלות, אבער דערפאר איז אונזערע אחריות אויך געווארען א גרעסערע. פראצעסען וועגען צואות, ירושות, ענטשעדיגונג (מזונות) פאר טעכטער און פרויען, אפוטרופסות א. אנד. ענינים זיינען איצט אין רשות פון בתי-דין פון ארץ-ישראל און די רעגירונג פיהרט אויס די אורטהיילען.

דערפאר איז אויפגעשטאנען א וויכטיג פראבלעם צווישען די רבנים פון א"י: עס זאל זיין א "ספר הפוס-קים" וועלכער זאל ארומנעהמען אלע ווינקעלאך פון אונזער לעבען. אלע טייהלען פון אונזער הייליגע תורה, לויט וועלכע די רבנים אונזערע זאלען קענען שטודירען יעדע פראגע און בעקומען די ריכטיגע תשובות אויף די פראב-לעמען, מיט וועלכע זיי מוזען זיך בעשעפטיגען.

די לאגע איז געווארען ערגער אויך צוליב דעם, וואס אונזערע גרויסע תורה-צענטרען און אוצרות מיט הייליגע ספרים זיינען פערלארען געגאנגען, פא-רהאן ספרים, וועלכע רבנים קענען שוין מעהר נישט געפינען און אודאי נישט איבער עטליכע צעהנדליג יאהר ארום.

אבער דער הקב"ה האט מקדים געווען א רפואה: אין א"י געפינען זיך די גדולי וגאוני התורה וההוראה און מיר האבען דא אויך די בעסטע און גרעסטע ביבליאטעקען פון רעלי־גיעזער ליטעראטור.

דאס אלץ האט אונז בעוואויגען זיך איינצושפאנען אין דער גרויסער, וויכטיגער ארבייט. מיר האבען זיך געזאגט: א וואונדער האט הקב"ה געמאכט מיט אונז — ער האט געבראכט קיין א"י די בעסטע רבנים! לאמיר אנפאנגען די ארבייט און ה' יהא בעזרנו!

מיר האבען געוואוסט, ווי שווער אין ברייט־טיעף די ארבייט פון „אוצר הפוסקים" וועט זיין. וויפיעל קרעפטען מען דארף האבען דערצו, וויפיעל פעהי־קייטען — צו געפינען דעם תמצית פון א שאלה־ותשובה, מיט אנגעבען די קוועלע און מיט א לייכטער, פער־שטענדליכער שפראך. און דערפאר האבען מיר צוגעצויגען צו דער ארבייט אויך די דערמאהנטע צווי גדולי־התורה, וועלכע זיינען געווען די גרינדער פון דאזיגען געדאנק.

מיר די מיטגלידער פון דער ליי־טונג פון „הילפס־פערבאנד פאר רבנים־פליטים" זיינען מיר פול מיט ארבייט צו געפינען די מיטלען אויף אויסצו־האלטען הונדערטער פאמיליעס פון רבנים־פליטים, מיר זיינען בעשעפטיגט מיט דער גרויסער אקציע פון בויען א רבנים־קווארטאל אין ירושלים און דאך האבען מיר גענומען אויף זיך נאך א גרויסע אויפגאבע, וועלכע דארף זיין, לויט אונזער מיינונג, אפשר די וויכטי־גסטע פון אלע אנדערע. מיר וועלען ברויכען נייע גרויסע געלדער מיטלען, אבער... מיר זינקען, שטענדיג אין חובות און ווערען דאך נישט ענטווישט!

מיט גרויס צופרידענהייט פרעז־זענטירען מיר דעם ערשטען באנד פון „אוצר הפוסקים" און מיר זיינען זיכער. אז יעדער איינער, וועלכע ווייסט ווי אפ־צושאצען די דאזיגע ארבייט, וועט אונז שטיצען און העלפען, כדי דאס ווערק זאל געענדיגט ווערען.

די פראגע פון עגונות, איינע פון די שווערסטע פראבלעמען פון נאך דעם וועלט־קריג, האט אונז בפרט געשטויסען צו דער דאזיגער ארבייט, אבער די פראגע איז נאך נישט אריין אין ערשטען באנד, ווייל מיר האבען אנגעהויבען מיט סימן ראשון פון אבן־העזר. אבער אין צווייטען באנד וועט די דאזיגע ביטערע און שווערע פראגע אלזייטיג בעלויכטען ווערען.

א ספעציעלען יישר־כח ווילען מיר דא אויסדריקען דער וועלט בארימטער פילאנטראפישער אינסטיטוציע „דזשוינט" אין איהרע לייטער'ס דא אין ארץ־ישראל, ד"ר י. ל. מאגנעס און ה' ש. פאסמאן פאר זייער ווארימען אפרופען זיך אויף אונזער ווענדונג באשטימענדיג א מאנאטליכע סובסידיע פאר'ן „אוצר הפוסקים", וואס דאס האט אונז ערמעגליכט צו אנפאנגען און פארטזעצען אונזער ארבעט ביז היינט.

די רעדאקציע פון „אוצר הפוסקים" און די וועגען פון איהר ארבייט

אין אנפאנג פון אונזער ארבייט, האבען מיר זיך אנגעשטויסען אויף גרויסע שוועריקייטעןביים זאמלען דעם מאטעריאל, ביים רעזיומירען די שאלות ותשובות, ביים בעארבייטען דעם חומר און ביים רעדאגירען איהם. די נויטיגע קרעפטען זיינען געווען, אבער דער וועג איז נאך נישט געווען בעשטימט. בעזרת־השם זיינען מיר אויך איבער אלע דאזיגע שוועריקייטען אריבער!

דאמאלסט איז, קודם־כל, בעשטימט געווארען א ספעציעלער רעדאקטאר, וועלכער, צוזאמען מיט אייניגע מיטארבייטער, האט דורכגעקוקט טויזענטער ספרים מיט שאלות־ותשובות און פוסקים פאר'ן „אבן העזר" און נאכדעם איז דער מאטעריאל פארטהיילט געווארען צווישען פערשידענע רבנים, כדי איהם צו בעארבייטען, די לעצטע פלעגען דאן מאכען א תמצית (רעזיומע) פון יעדער שאלה ותשובה, מיט אלע נויטיגע קוועלען און ראיות.

נאכדעם איז דער מאטעריאל געגאנגען פאר קאנטראלע אין די הענד פון רבנים וגדולי־התורה, וועלכע האבען ווידער אויסגעפארשט יעדע קוועלע און האבען פאריכט יעדען מעגליכען טעות, ווי אויך דעם תמצית גופא. אויך נאכדעם איז יעדע שאלה ותשובה געגאנגען פאר א ווייטערדיגער קאנטראלע און ענדגילטיגער רעדאקציע אין די הענט פון די גרויסע רבנים הרב הראשי הגרי"א הערצאג, הגרא"ז מעלצער, הגרצ"פ פראנק, הגר"י קלעמעס, הגרש"י זעווין, הגר"ש קיפניס און אנדערע גדולים.

אזוי־ארום וועט דער ספר צוקומען צום ציעל, וועלכען די גרינדער האבען זיך געשטעלט, עס וועט זיין א גרויס ווערק, אין וועלכען ס'וועט זיך געפינען, אין א ברייטער פארם, אלץ וואס אונזערע רבנים האבען ווען־ס'איז געזאגט — זייט דעם **חתימת התלמוד און ביז היינטיגען טאג.**

יעדער רב און יעדער פוסק־הלכה וועט אין ווערק גלייך געפינען אלע פערשידענע מיינונגען פון אלע רבנים אויף שאלות פון זייער צייט. פון אט־די מיינונגען וועט יעדער רב קענען פסק'ענען ווי ס'באדארף־צו־זיין אויף שאלות וועלכע וועלען געבראכט ווערען פאר איהם.

ווי געזאגט, אונזער ציעל איז צו זאמלען די גאנצע ליטעראטור פון שאלות־ותשובות און פוסקים אויף אלע פיער טהיילען פון שולחן ערוך. מיר האבען אנגעהויבען פון „אבן־העזר" און ענינים פון פאמיליען־לעבן (עניני־אישות), ווייל דאס איז א פראקטישער ענין מיט וועלכע אונזערע רבנים פון ארץ־ישראל בעשעפטיגען זיך אממייסטען אין די בית־דין'ס.

און ערשטען באנד, וועלכער איז נאר־וואס ערשינען, האבען מיר געבראכט דעם תמצית פון **זיבען הונדערט ספרים** פון שאלות ותשובות און פוסקים.

א בלאט פון ספר „אוצר הפוסקים"

באר הגולה

א שם בשם ובתוספתא

א ואשה מותרת (יח) לשתות (יא) עיקרין כדי לסרסה עד שלא תלד :

הרי

פתחי תשובה

(יח) **לשתות עיקרין.** עבה"ם מ"ש אפילו בלא נער לידה ועיין בר"י שהביא דמהרש"ל כ"ש פ' הבע"י ס"י מ"ד סבר דאינו מותר לאשה אלא בי"ש לה צער לידה וכ"ש אם אין בניה הולכים בדרך ישרה ויראה שלא תרבה זרע כי האי ע"ש, וע"ע ממשנה ב"ב דף קל"ג ע"ב דליה הלכתא כרשב"ג שם ודו"ק:

באר היטב

(יא) **עיקרין.** אפי' בלא צער לידה מותר. ומ"ש בסעיף הקודם והמסרס את הנקיבה פטור אבל אסור היינו סירוס במעשה דאף בנקיבה שייך סירוס במעשה. ונקיבה בבהמות ושאר מינים לא עדיף מאשה. אחרונים עיין ב"ח :

אוצר הפוסקים

כוס של עקרין כמבואר במס' שבת דף קי"א, ואם היה בשתיית כוס של עקרין איסור גמור שנכנס בכלל דבארצכם לא תעשו היה אסור [בל"ל] אף בזקן דלא גרע ממסרס אחר מסרס שאסור, והא דסרים אסור לשתות כוס של עקרין, נראה שזה ודאי לא הוי רק מדרבנן שלא יאמרו שמותר לסרסו ג"כ כיון שהנהו מסורס כבר כמו שמותר להשקותו כוס של עקרין, משא"כ בזקן ועקר אם לא היה להם רפואה היו מותרים לשתות כוס של עקרין, דלא יטעו, ורק משום שיש להם רפואה נאסר זה מדין תורה או מדברי סופרים, [ובתוס' בכורות ל"ט ב' ד"ה כולם וכו' לפי נוסחת הל"ק שם עה"ג משמע דס"ל דאיסור שתיית כוס של עיקרין הוי מה"ת].

עא. ואשה מותרת. עיין בח"מ ס"ק י' ובב"ש ס"ק י"ד דה"ה נקבה בבהמה ושאר מינים מותר להשקות כוס של עקרין דלא עדיף מאשה, ומ"ש המחבר לעיל או לשאר בע"ח אסור להשקות היינו הזכרים שלהם, וכן כתב בדרישה והובא גם בנחלת צבי סק"כ. וכן כתב הלבוש.

אך בתשובת ר"ח מוסאפיה שבספר אפי זוטרי סימן ה' דף כ"ט כתב דכיון שהרמב"ם דייק בלשונו וכלל גבי איסור השקאת כוס של עקרין כל בע"ח, ור"ל אף בע"ח נקבות, ובהיתרא כתב רק ואשה מותרת, מוכח דרק גבי אשה שרינן אבל בנקבה שאר בע"ח אינו יכול להשקותן כוס של עקרין, וה"נ מסתברא, דהא כל עיקר שאנו מתירין לאשה לשתות לכתחילה הוא משום דאשה לא מפקדא אפו"ר א"כ גבי בהמה ל"ש לאיפלוגי בין זכרים לנקבות דהא לא שייך בהו לומר דזכר מיפקד אפו"ר ונקבה לא, וא"כ גבי בהמה זכר ונקבה כחדא שוין דאסור לבטל מהם כלי ההולדה, וכן דייקי נמי דברי הטור שהאריך בענין האיסור לזכרים וכתב אסור לשתות וכו' וכן אסור להשקות לבהמה וסמיך לי' ואשה מותרת ולא קאמר וכן שרי להשקות לבהמה נקבה, [גם באבני משפט כ' דאפשר לומר דבהמה נקבה ג"כ אסור ומה שהקשה ע"ז בח"מ דמ"ש מאשה י"ל כמ"ש הח"מ עצמו דהיא עצמה מותרת לשתות אבל אחר אסור להשקותה ואין זה דוחק כלל] ושם בתשו' הרב בעל אפי זוטרי דף ל"א ב' דחה את דבריו וכ' עליו דלא יתכן שבהמה נקבה תהא חמירא מאשה וכי חמירי בע"ח מאדם יליבא בארעא וכו', ע"ש, גם במ"ש הר"ח מוסאפיה דכל עיקר שאנו מתירין לאשה לשתות לכתחילה משום דלא מיפקדא אפו"ר, הנה במנ"ח מצוה רל"א אות א' כתב דמ"ש הרהמ"ח שאשה מותרת לשתות כוס ש"ע שהנשים אינן מצווים אפו"ר אין כוונתו ליתן טעם שלכך מותרת לפי שאינה מצווה אפו"ר, דהא בשאר מיני בהמה וחיה דג"כ אין מצווין וגם אנחנו אין מצווין עליהם ומ"מ אסור להשקותם כוס ש"ע, ודין סירוס אינו תלוי במצות פו"ר כלל וכו', אך כוונתו באשה, דאם היתה מצווה אפו"ר היתה אסורה מטעם ביטול פו"ר, ולפי"ז צ"ע דברי רש"י בשבת דאוקי שם באשה ופירש"י דאשה אינה מצווה אפו"ר ובאמת מצות סירוס אינו תלוי בפו"ר.

עב. לשתות וכו' עד שלא תלד. כתב בבית משה ס"ק י"א דבאשה שיש לה בעל יש לעיין אי מותר לה לשתות כוס של עקרין, דאף כשקיים כבר פו"ר חייב לקיים ולערב וגו' ואם תשתה כוס עקרין הרי הבעל לא יקיים לערב, ונהי דאם כבר שתתה אין מחוייב לגרשה מ"מ לכתחילה הרי אסורה לשתות.

ועי' בפ"ת ס"ק י"א בשם החת"ס סי' כ' שכתב דאשה שיש לה בעל צריכה רשות מבעלה או תתרצה לקבל גט, ורק אם היא מצטערת בלידה והבעל אינו רוצה לגרשה וגם לא ליתן רשות אינה חייבת לצער עצמה מפני שיעבודה וכו' ע"ש, ובספר תולדות יעקב סי' כ' כתב דהיכא דלא קיים פו"ר עדיין, לאו כל כמינה לשתות כוס של עקרין אא"כ היא מתרצית לקבל גט.

ובמשיבת נפש סימן י"ח באשה המסתכנת בלידה כתב דמותרת לשתות כוס של עקרין, ואף שהבעל טרם קיים פו"ר כי אין לו רק בן א' ואיך נורה לה לכתחילה שתשתה כוס של עקרין ולא יקיים פו"ר, מיהו פשוט שמשום זה אין להכניסה לסכנה ומותר לה בכ"ד לשתות כוס של עקרין ואין הבעל צריך להוציאה בשביל זה, דהא מבואר בנמוק"י פ' הבע"י בשם הריטב"א דדוקא בלא ילדה כלל כופין אבל בילדה ולד קיימא אפילו אחד אין כופין ומכל שכן בזמן הזה דאיכא חרם דרבינו גרשם שלא לגרש בע"כ.

ובאבני נזר סי' א' באשה המסתכנת בלידה והרופאים מזהירים אותה שתשתה כוס של עקרין ובעלה טרם קיים פו"ר שיש לו רק ג' זכרים, כתב שאין איסור בזה, דאינה מחוייבת לסכן עצמה, והא דאמר ביבמות שומר פתאים ה' אינו אלא בדברים המצויין תמיד, ולענין גרושין נראה דאינו מחוייב לגרשה, דהא קיימ"ל דאין אדם מחוייב ליתן אפילו בשביל מצוה עוברת, הון רב, ובסנהדרין כ"ב אמרינן קשים גרושין שהרי דוד התירו לו לייחד ולא התירו לו לגרש וחזינן דלגרש חמור מייחוד של פנויה ואין מתירין איסור דרבנן בשביל הפסד הון רב, וכיון שאינו מחוייב לפזר הון רב בשביל מצות עשה כל שכן שאינו מחוייב לגרש אשתו בשביל מצות עשה, ומה שחייב לגרש באין לו ולד כלל, הוא משום דזה חמור מאד שלא ימחה שמו מישראל והתירה התורה משום זה אשת איש דבכרת אבל ביש לו ולד אחד שוב לא חמור משאר מצות עשה.

ובספר באר משה (להגר"מ דנישבסקי) סימן י"ב באשה שע"י קישוי בלידה נקרע השלפוחית של מי רגלים ואמר לה רופא מומחה שאם תתעבר תהא בסכנה גדולה, כתב דנראה שרשות לה ליקח רפואות שתתעקר גם בלעדי רשות בעלה, כיון שלפי אמירת הרופא יש בזה חשש סכנת נפשות, ועד כאן לא אמרי' מן השמים ירחמו רק במה שכלל טבע העולם נוגעים בזה וסומכים ע"ז ולא נעשה בו השתנות, וכענין הא דשבת קכ"ט והאידנא דדשו בי' רבים שומר פתאים וכו', אבל באשה זו שנעשה בה השתנות בגופה ושיש מזה חשש סכנה כשתתעבר ודאי שצריך לחוש לזה, ועד כאן לא כתב החתם סופר [הנ"ל] אלא בעובדא דידי' שמ"מ הוחזקה לחיים בלידות הראשונות ולכן כתב שצריכה רשות מבעלה או שתקבל גט אם ירצה לגרשה, אבל בנ"ד שיש בה השתנות מכל הנשים דהיינו שנקרע השלפוחית ולפי אמירת הרופא היא חשש סכנה כשתתעבר ודאי אין רשות לבעלה לעכב על זה, ונראה שאין בעלה רשאי לשמש עמה כל שלא לקחה רפואות שלא תתעבר פן יגרום לה סכ"נ וכו', וכש"כ שבנידון זה לא תפסיד כתובתה שהרי הוכרחה ע"י אמירת הרופא ואם קיים בעלה כבר פו"ר אינה מחוייבת לקבל גט כלל אחר שלא פשעה ונסתחפה שדהו, והנה בדברי החת"ס שכ' באשה המצטערת בלידה שאם בעלה לא ירצה לגרשה גם לא ליתן לה רשות, שאינה חייבת

דער צווייטער באנד, וועלכער איז שוין גרייט צום דרוק, וועט ענטהאלטען די סימנים ז—ט״ז און מיר האפען, אויב מיר וועלען האבן די נויטיגע געלד־מיטלען, אז דאס בוך וועט אין גיכען שוין ערשיינען. דאס מאטעריאל איבער עגונות—ליידער, זעהר א אקטואלער ענין, בפרט נאך דעם שרעקליכען אומגליק אין אייראפע־געפינט זיך שוין אין אונזערע הענט און מיר האפען בעזרת-השם איהם וויאמשנעלסטען ארויסצוגעבען.

דאס איז, אין קורצע ווערטער, די ארבייט וועלכע מיר פיהרען איצט דורך.

די פערוואלטונג פון דער אינסטיטוציע האפט, אז די סימפטיע און כבוד פון פאלק ישראל וועלען געגעבען ווערען דעם דאזיגען גרויסען ווערק פון „אוצר הפוסקים״, ווענענס ערשטער באנד איז שוין ערשינען, מיר זיינען זיכער, אז די סימפאטיע וועט זיך אויסדריקען אין מעשים, כדי אונז צו געבען די מעגליכקייט פארטצוזעצען אונזערע ארבייט בעגלא ובזמן קריב, אמן.

די מסיבה אין הויז פון רב ראשי הערצאג

לכבוד דעם ערשיינען פון ערשטען באנד פון „אוצר הפוסקים״ איז אין הויז פון רב ראשי הגאון ר׳ א. י. הערצאג שליט״א פארגעקומען ח״י שבט תש״ז א פייערליכע אויפנאהמע. ביי געדעקטע טישען זיינען געזעסען די רבנים ראשיים הערצאג און עוזיאל, ווי אויך דער רב ראשי פון תל אביב הרב טאלעדאנא, הגאון ר׳ איסר זלמן מעלצער, די מיטגלידער פון קאמיטעט פון הילפס־פערבאנד פאר רבנים־פליטים, די מיטארבייטער פון ספר, געסט און נכבדים פון ישוב פון אלע קרייזען.

די מסיבה איז געעפענט געווארען דורך הרב הראשי שליט״א, וועלכער האט אונטערגעשטראכען, אז די גרעסטע זאמלונגס־ארבייטען זיינען שטענדיג געמאכט געווארען אין שווערע מאמענטען פאר אונזער פאלק, ווי אין די צייטען פון רבנו הקדוש, הרמב״ם א. אנד. וועלכע האבען פערפאסט זייערע ווערק אין עת צרה לישראל. זיי האבען געזארגט, אז דאס פאלק זאל נישט פארגעסען די תורה...

אויך הרב הראשי הגרב״צ עוזיאל האט בעצייכענט די וויכטיקייט פון דאזיגען גרויסען ווערק אין אונזערע שווערע צייטען.

הגרא״ס מעלצער שליט״א האט אויפגעקלעהרט, אז אין דער תורה זיינען פארהאן שטחים, וועמענס אומוויסענהייט ברייננגט אפט שווערע תקלות, בפרט אין ענינים פון פאמיליען־לעבען און דערפאר איז דער „אוצר הפוסקים״ אזא וויכטיג ווערק.

אין הויז פון רב ראשי הערצאג לכבוד דעם ערשיינען פון ספר ״אוצר הפוסקים״

עס האבען נאך גערעדט די גרויסע רבנים: הרב טאלעדאנא (דער ספרדי־שער רב ראשי אין תל־אביב) און הגאון רש"ד כהנא און הגרש"י הילמאן; הרר"מ וואלקאווסקי (מיטגלידער פון הרבנות הראשית לא"י) הרב ש. פ. וואגעלערענטער (דער באוואוסטער שליח פון אמריקאנער ועד הצלה אין יוראפ). און נאכדעם האט הרב שמואל קיפניס, דער פערוואלטער פון ועד העזרה, דער־ציילט איבער די שוועריקייטען פון די אלע וועלכע האבען געארבייט ביים דאזינען ווערק, בפרט פון „דזשאינט" און פון דר, י. ל. מאגנעס און וועגען דער טרחה, די ענערגיע און קליינעם געהאלט פון די מיטארבייטער.

מיט לייגערע אפשאצונגס־רעדעס זיינען ערשינען הרב א. שאולזאן, אין נאמען פון די רבנים־מיטארבייטער פון „אוצר הפוסקים; הרב יצחק הלוי עפשטיין, דער סעקרעטאר פון רעדאקציע פון גרויסען ווערק; הרב משה אסטראווסקי, אין נאמען פון „ועד לאומי", וועלכער האט צוגעזאגט די שטיצע פון דער נאציאנאלער אינסטיטוציע פון ארץ־ישראל ישוב פאר דעם וויכטיגען ווערק.

נאכדעם ווי הגרש"י זעווין האט געשלאסען די שורה פון די חשוב'ע רעדנער מיט א טיפען און זעהר אינהאלטסרייכען ווארט, זיינען פארגעלעזען געווארען ווארעמע וואונש־בריף פון הרב מאיר בערלין (פרעזידענט פון וועלט־„מזרחי") און פון ד"ר. י. ל. מאגנעס, וועלכער האט אויסגעדריקט זיין התלהבות איבער דעם „אוצר הפוסקים" א. אנד.

אין א געהויבענער שטימונג און מיט א געפיהל, אז א נייע תקופה הויבט זיך אָן אין דער וועלט פון תורה און חכמת־ישראל, האבען זיך אנוועזענדע געזעגענט איינער פון אנדערן און זיך געוואונשען זוכה צו זיין און זעהן דעם לעצטען באנד פון „אוצר הפוסקים" ווי אמשנעלסטען.

אידען פון דער גאנצער וועלט, וואו זיי געפינען זיך נאר, וועלען גע־וויס העלפען מיט אלע קרעפטען, אז דאס ווערק זאל זיך באלד ענדיגען, אמן.

אויסצוגען פון אפשאצונגס־בריף צום ערשיינען
פון ערשטען באנד

...מיינע אויגען זיינען ליכטיג געווארען, ווען כ׳האב געזעהן דעם ספר „אוצר הפוסקים" חלק א׳.

...אונגעהויערע פעלדער פון הלכות, וועלכע עפענען פענסטער מיט ליכט פאר אויגען פון חכמים, וועלכע קענען לערנען און פארשען פון דער ערשטער קוועלע וועגען אוסרים ומתירים כדי לאסוף שמעתא אליבא דהלכתא.

בן־ציון מאיר חי עוזיאל
הרב הראשי לארץ ישראל

...מיר מוזען ריהמען די דאזיגע טעטיקייט, וועלכע געהערט צו די זאכען וואס ברייגגען נוצען צו די גרעסטע לעהרער אין אלע בראנזשעס פון דער תורה אין אלע שווערע שאלות בפרט פאר יענעם, וועלכער קען נישט האבען אלע צאהלרייכע ספרים. דערפאר איז גרויס די וויכטיקייט פון „אוצר הפוסקים", וועלכער ברייגגט אייך אלץ פארטיג איבער אלע הלכות.

זעליג ראובן בענגיס
ראב״ד בירושלים

...א טייערע און הארציגע איבערלעבונג איז געווען פאר מיר דאס בוך „אוצר הפוסקים", ווען כ׳האב דורכגעקוקט זיינע ענינים, האב איך פערשטאנען אז אייער ציל איז דערגרייכט געווארען מיט חכמה און מיט וויסענשאפט, דורך דעם וואס איהר האט געזאמעלט און צונויפגעקליבען, מיט גרויס בקיאות, די פערשידענע קוואלען פון דעם ים פון תלמוד, תשובות פון גאונים, דברי הראשונים והאחרונים...

...איהר האט זוכה געווען, און מיט הצלחה, צו בריינגען דעם תמצית פון דער חכמה פון גדולי הראשונים והאחרונים, בעלויכטען און דערקלעהרט מיט אייער גייסט, וואס ברייגגט גרויסע נוצען פאר לערנער און פערשפרייטער פון דער תורה.

ראובן כ״ץ
הרב הראשי לפתח תקוה

...מיין הארץ איז פול מיט פארגעניגען צו זעהן דאס הערליכע בילד פון אנשי־חיל, העלדען אין דער מלחמה פאר דער תורה און מען קען שטאל־צירען דערמיט. א דאנק דער חברותא דילי׳ על פעלם.

דובעריש ווײדענפעלד
טשובינער רב

...דער דאזיגער „אוצר” איז זעהר נוצליך כדי צו געפינצן יעדען דין׳ קלאהר און ריכטיג, ווייל ער גיט אונז אלע שיטות אין א פארקירצטער, תמצית׳דיגער און איינגעאָרדענטער פארם.

עקיבא סופר

פרעזשבורגער רב

...אויך מען זאגט אז גדול המעשה מן העושה, קען מען איצט צוגעבען, אז אָפט איז דער זאמלער און דער מסדר וויכטיגער פאר׳ן מחדש...

מאיר ברלין

פרעזידענט פון וועלט "מזרחי"

...פון פולען הארצען בין איך צופרידען פון דער גוטער נייעס וועגען ערשיינען פון אוצר הפוסקים, אויף וועלכען יעדער ליבהאבער פון תורת־ישראל וועט שטאלצירען. נישט בלויז רעזיומירט דער אוצר אלע מעכטיגע לייסטונגען פון די פוסקים, נאר ער דיענט אויך אלס שפרונג־ברעט פאר א וויסענשאפטליך רעליגיעזען אנגריף פאר פילע אידישע יונגעלייט.

דר. י. ל. מאגנעס

פרעזידענט פון דער אידישער אוניווערסיטעט